STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05924

KUBA

Eliezer Aronowski

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר אַראָנאָווסקי

☆

ק ו ב אַ

אליעזר אראָנאָווסקי

אליעזר אַראָנאָװסקי

קובאַ

לידער און פּאָעמען

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

ELIEZER ARONOWSKI

CUBA

אליעזר אַראָנאָווסקי

קובאַ

POEMS AND ELEGIES
Copyright 1983 by
ELIEZER ARONOVSKI

פאַרלאַג „נײַ־לעבן"

נדפס בישראל תשמ"ג

©

Printed in Israel, 1983

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, טל.: 822481, תל־אביב, ישראל

מינאַ אסתר
מיין ליבסטער און טייערסטער
צום אייביקן אָנדענק

מיינע טיפסטע געפילן פון דאַנקבאַרקייט צו אַלע חברים און פריינט וואָס העלפן מיר אַרויסגעבן דעם בוך.

כ'וועל פאַרבלייבן אייערער אַן אייביקער פריינט בכל לבי ונפשי.

אליעזר

משה בלום

איסאַק בערעזדיווין

יצחק אייזיק גורוויטש

שמעון גובערעק

יוסף זאַבעלינסקי

אברהם לוסקי

יעקב מוקאַסיי

גרשון קריגער

טעדי קאָפּאַ

משה ראָזענפעלד

יוסף ראַווינסקי

אשר שטוטשינסקי

קובא

חורבן ישוב קובאַ

כ׳בין געווען איינער פון דיינע בויער. אַ קינד פון וואַנדער און
פון וואַגל,
פון פּאַגראַמען, הונגער און פון צוויי מלחמות, מיט אַ ים פון טרויער
אין דעם לאַגל.
אַנטלאָפן, נאָך פאַר דער צייט, פון דעם חורבן, פון דעם גרעסטן,
וואָס אַ פאָלק האָט ווען געהאַט
פון דער מאַמען, ברודער, שוועסטערס, קרובים אָפּגעריסן און
פאַרטראָגן, ווי פון בוים אַ בלאַט.

געקומען בין איך דאָ מיט צוואַנציק פרילינגס. די זון האָט מיך
פאַרשיכורט מיט איר ליכט.
די נעכט — צויבערן חלומות אויף דער וואָך. די פרימאָרגנס —
בלענדיקן פאַרשייט.
און פאַרנאַכטן — ימען פון קאָלירן, פאַנטאַנען פלאַקערן פאַר דיר
גאָר אומגעריכט.
שטייסט פאַרוואונדערט, ווייסט ניט פריער וואָס צו בענטשן, אַז
ס׳איז ליב דיר נאָענט און ווייט.

דער פרילינג אייביקט דאָ באַקנאָספּעט, ס׳גרינט און בליט, און
ס׳וואַקסט דאָ נאָך אַנאַנד.
גראָזן, בלומען, בוימער וויגן זיך פאַרשנאַסקעט פון שטאַרקן
פאַרפומירטן בלומענזאַפּט
און פּאַלמען שטאָלצע, ווילערישע יונגען, פאַרייסן די קעפּ
הימל־הויך.
און פרויען מיט זינגענדיקע גלידער, רייצן דיך מיט זייער
יוגנט־קראַפט.

און אין דעם לאַנד דעם שיינעם און דעם ליבן, ביסטו געקומען
אָן אַ שפּראַך און פאַך,
שלעפּסט זיך פעדלען איבער גאַס און שטיבער מיט האַק און פּאַק
געבויגן און פאַרשעמט,

אַלץ אין דיר איז דערווידער, ווען דו קוקסט אויף זיך אַליין פאַרטראַכט,
פאַרנדיק אין אָוונט שפּעט אין טראַמוויי אַ מידער, אַ פאַרטרויערטער, פאַרקלעמט.

נאָר ביסטו שוין אַרויף צו זיך אין צימער, די פּעק פאַרוואָרפן, ווי קיין מאָל ניט געהאַט.
גיט פאַר דיר אַ בלענד, אַ בלישטש, אַ שימער, — מיליאָנען ליכטער פון האַוואַנער נאַכט,
און איבער זיי פינקלט נאָך אַריבער אַן אָנגעפּרעסן הימל, פון שטערן זאַט,
בלייבסטו שטיין צוגעשמידט צום פענצטער און חלומסט אויף דער וואָר...

און אַזוי ווי דו, זיינען טויזנטער געקומען, אַ יוגנט פול מיט פייער און מיט ברען,
געשלעפּט אויף זיך די פּעק ווי אייזלען, צי געשוויצט פאַרשטונקען אין פאַבריק.
און וויפל טעג געהונגערט, און קיינער האָט געוווּסט און האָט געזען.
אָפּגעשוואַרצט אַזוי די ערשטע יאָרן, פון נויט און דחקות געענגט, געדריקט.

איינער האָט פון שווייס און בלוט פאַר צענדליק יאָרן, אַ קראָמקעלע געמאַכט.
אַ צווייטער — אַ פאַבריק פון שיך; אַ דריטער — אַ פאַבריק פון הויזן.
אַזוי האָט יעדער זיך אַרויסגעדראַפּעט, ס'האָט אויפגעשפּראָצט די פרוכט פון מי און פּראַצע,
און געמיינט אָט־אָט, עס קומט שוין באַלד צום לעבן, און די לעצטע יאָרן אין רויקייט צו הויזן.

געבויט האָט מען פאַר זיך אַליין אַ שטיבל, און ווער ס'האָט געקענט — אַ צווייטע, צו פאַרדינגען;
אויף דער עלטער צו קיינעמס לאַסט ניט פאַלן, אַפילו ניט צו אַן אייגן קינד;

און דאָס זעלבע — אַ שול, אַ שולע, אַ בית־עם און אַ פּאַטראָנאַט
אַ פּראַכט.
און איצטער, כ׳האָב מורא עס צו זאָגן: — ווײ איז אונדז און ווינד!

ווער האָט געדענקט פון אונדז אויף אַזאַ עלטער? ווער האָט געחלומט
אין קאָשמאַרער פינצטערניש פון נאַכט,
אַז דאָס וועט זיין אין לאַנד פון הוילע ליכטער, אַז דאָס וועט זיין
אין לאַנד פון זונענשיין?
אין שוואַרצסטן מוח פון צעדרייטסטן דיכטער וואָלט אַזעלכעס
קיין מאָל ניט געדאַכט
אַז דאָרט וווּ נאַכט איז ליכטיקער ווי טאָג, זאָל דער טאָג אַזוי
פינצטער זיין!

עלטערן געבליבן דאָ אָן קינדער; און קינדער — ווי פאַרטראָגן
פון דעם ווינט,
כאָטש קיין ציקלאָן איז פון אַטלאַנטיק נישט געקומען, און פון
קאַריבע — שוין לאַנג קיין הוראַגאַן,
און אויסגעריסן האָט דאָ אַלץ מיט וואָרצל, דורות מי, בלוטיקע,
צערינט,
וווּ פרייד און ליכט און לוסט און לייב און לעבן, איז איצטער —
טויט און חורבן נאָר פאַראַן.

כ׳גלויב ניט אין קיין קללות פון שוואַרצע גייסטער. כ׳גלויב ניט
אין דעם אויסדרוק פון פאַטאַל.
נאָר עפּעס איז דאָ דאָ וואָס איך פאַרשטיי נישט, עפּעס וואָס
ס׳באַנעמט ניט מיין געדאַנק;
געהאָפּט האָט מען אויף גואל און גאולה, צום סוף איז גאָר אַ
בלוטיקער שאַקאַל
אונדז אַלעמען באַפאַלן, און צאַפּט אויס אונדזער חיות. —
ביז ווי לאַנג?

פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג אַלץ ערגער. אַ פרייד —
אַז מ׳קריגט אַ ביסל רייז.
אַ שטיקל פלייש — דעם טעם ניט צו פאַרגעסן. אַ ביסל מילך —
ניט פאַר דיר — פאַר קינד און אַלט,

אַן עפּל דאַרפסטו זען אין חלום, אַ ווײַנטרויב — דערמאַן זיך
וויִ זי זעט אויס.
און דאָס איז אַלץ וואָס איז געווען לרוב. ווי קען מען אויסשרײַען
אין מיטן גאַס געוואַלד!

יעדער טאָג מיט נײַע גזירות, נײַע שרעקן. ווייסט ניט, וואָס דער
מאָרגנדיקער ברענגט.
צי וועט מען דיך אין מיטן נאַכט ניט וועקן, אַרויסשלעפּן
האַלבנאַקעט — קום מיט!
און דײַן האָב און גוטס צערויבן, ווי פון אַ שוואַרצע וועל
פאַרשווענקט,
ווײַל אויף יעדן טראָט, אויף יעדן גאַנג, ציילן מוסרים דײַנע טריט.

אַ, ווי בין איך מקנא אָט די פויגל, וואָס שוועבן פרײַ זינגענדיק
אין רוים,
פליען אָפּ באַגינען צו די פעלדער און קערן זיך צוריק פאַרנאַכט
אַהיים.
זייער עסן איז נישט ראַציאָנירט פון קיינעם, און אַוודאי ניט,
בלויז אויף אויפצוהאַלטן די נשמה,
די קערנדלעך, פון גאָטס האַנט אַליין גענומען, און דאַרפן זיך
ניט היטן פאַר אַ ביסן אין געהיים.

איז דער מענטש, דער בחיר היצורים, ניט אַ מאָל דער
נידעריקסטער פון באַשאַף?
באַווײַזט וועלכע חיה, וועלכע פויגל, עסט זיך אַליין אויף,
זײַן אייגן מין?
און אין וועלכן דזשונגל איז איין חיה ביי דער צווייטער פאַרקנעכט,
פאַרשקלאַפט?
ווען איין ברודער ביי דער צווייטן צאַפּט אויס זײַן מאַרך, זײַן בלוט,
ערגער ווי אַ שפּין!

די מרה־שחורה־געדאַנקען קומען אין די טעג פון גרויל.
ווי לעבעדיקע־מתים גייען יידן אַרום מיר,
אַרויסגעריסן זיי דעם לעצטן ביסן פון דעם מויל.
פערציק יאָר געבויט אַ לעבן, הײַנט — אַ פרעמדער ביי דײַן טיר.

ווּיפל נעכט ניט דערשלאָפן, וויפל טעג פון נויט און הונגער,
וויפל יאָרן זיך געמוטשעט, פון שווייס אין זון געוויקט, געבראָטן
דאַן איז מען געוועזן דאָך, אַ קרעפּטיקער, אַ יונגער,
האָט מען איינגעריסן וועלטן, כאָטש זעלטן האָט געראָטן.

ווער געשלעפּט זיך מיט קראַוואַטן פון באַגינען ביז שפּעט אָוונט,
איבער גאַס און איבער געסל, וווּ נאָר אַ קאַפע און אַ רעסטאָראַן,
וווּ נאָר אַ ווינקל, וווּ נאָר אַ שטעטל, איז געווען אַ יידיש פּעדלער
מיט דעם פּעקל צרות, מיט דעם פּעקל סחורה אין געשפּאַן.

ווער עס האָט רחמנות גיט מיט פרייד צו לייזן,
און ווער עס זוכט אַ לקחע טאָן, אָן אַ זייט, ביים אַליעמאַן;
אַ צי טאָן אַ פּאָר זאָקן, אַ העמד, צי אַ פּאָר הויזן.
ביי וועמען גנב גנבעסטו, ביי אַ פרעמדן אָרעמאַן!

און אָט פון דעם אַ פּעדלערל איז אַ קרעמערל געוואָרן.
פון אָנהויב בלויז אַ טיש געדונגען, שפּעטער שוין געהאַקט אַ וואַנט.
אין שטעטלעך ווייט פאַרוואָרפענע אַ לעבן לאַנג פאַרלאָרן,
און הינטער אָט די פּאַליצעס אַלט געוואָרן, קראַנק.

און היינט קומט מען זאָגן דיר, אַז דאָס איז גאָרניט דיינס!
עס ווייַנט דאָך יעדער ברעטעלע, יעדער צוועקל אויף דיין בראָך,
אַ גאַנצער לעבן צאַפּלט דאָ ווי אַ שאָטן פון דעם ליכט.
וואָס קען אַ מענטש, ווי לעבנס זיינס, מערער געבן נאָך!

דיין אייגן הויז, דיין אייגן שוועל צוגערויבט פון דיר.
גערעכנט פאַר אַ קינד זאָל זיין אָט די האָרעוואַניע דיינס;
אָט נאָך אַ טאָג, אָט נאָך אַ טאָג — די עלטער שטייט ביים טיר,
צום סוף טרייבט ער דיך אַרויס און זאָגט: אַז דאָס איז זיינס...

וווּ זאָל איך גיין, וווּ זאָל איך שטיין, פאַרשפּאַרט איז איצט דער וועג.
און אויב מ׳וועט שוין עפענען — איז נאַקעט, באָרוועס, הויל,
דאַרף איך אין דער וועלט אַריין, ווער ווייסט אויף וויפל טעג,
נעוונדניק וואַנדערן. — ס׳כאַפּט מיך אָן אַ גרויל.

ס׳גוט נאָך, וואָס אויף יענער זייט איז דאָ אַ נייע וועלט,
וואָס דעקט צו דיין נאַקעטקייט, און אויף אָפּרו — אַ געצעלט;
זיי לאָזן קיינעם הונגערן, און שפּייזן דיר צו זעט.
זאָל אָט די שעה, כאָטש, ניט קומען שוין צו שפּעט...

דער צפון־שטערן שיינט פֿאַר אַלע, צפון־ליכט איז גליק;
אַנטלויפט מען אויף אָדלער־פליגל פון שטאָלענעם אַוויאָן,
צי אויף אַ קליינעם שיפל איבער שוואַרצן־תהום,
אָן שרעק פֿאַר קויל, פֿאַר הונגער, דורשט, — אַבי זיך ראַטעווען
מ׳קאָן.

שאָטנס פאַרצווייפלטע

שאָטנס פאַרצווייפלטע, אין זיך פאַרשלאָסן,
הערצער וואָס בלוטיקן מיט אָפענע וווּנדן,
מען האָט זיי געשאָסן, ניט אין גאַנצן דערשאָסן,
שלעפּן זיך אום, כאָטש זיי זיינען געבונדן.

אויגן פאַרטרערטע, די קעפּ געבויגן,
אַבלים נאָך זיך ביים לעבן;
אַ טרויער איבער אַלץ פאַרצויגן
מיט שוואַרצע מרה־שחורה־געוועבן.

ווו נעמט מען אַ שטראַל פון אמונה
צו קענען זיי טרייסטן מיט גלויבן,
ווי אונדזערע אָבות פאַרצייטן
האָבן זיך אַליין געקענט דערהויבן.

אויפן שוועל פון פאַרצווייפלונג
געהאַלטן זיך פעסט אָן זיין האַנט,
פאַר וואָס זאָלן מיר האָבן מורא,
אַז גאָט מיט אונדז שפּאַנט.

און ער ווייסט דעם וועג
ווו ער דאַרף אונדז דערפירן.
זאָל מען דאָס ביסעלע מוט,
דאָס טייערסטע, ניט פאַרלירן.

און גלויבן אין מאָרגן,
כאָטש פינצטער איז און נאַכט;
אין דעם טיפן הימל
אַ שטערן, איבער אונדז, וואַכט.

און ער רעדט צום האַרץ,
כאָטש דאָס אויג ניט זעט,
ווי אַ שטילע תפילה,
אַ הימלשע געבעט.

זייט זיך ניט מיאש,
ווי פינצטער עס זאָל ניט זיין,
מוז אַ טאָג אָנקומען
מיט לויטערקייט און שיין.

ס׳האָט אַ לייכט געטאָן

ס׳האָט אַ לייכט געטאָן אַ ווייל די זון און ווידער גרוי און קעלט.
דער טאָג, דער טאָג, ער איז פון לאַנג פאַרוואָלקנט דאָ, פאַרשטעלט;
און יעדער שפּראָץ פון שטראַל וואָס פאַלט, פון קיינעם ניט באַמערקט,
ווייל די אויגן זיינען פול, פאַרפינצטערט און פאַרטרערט...

די בוימער זיינען גרין און געל, עס בליט און וועלקט צוגלייך.
דערווינטער אין דעם טראָפּיק־לאַנד איז די שענסטע צייט;
נאָר ווער באַמערקט אים איצט, ווי אַן אויסגעטריקנט טייך,
וווּ דאָס וואַסער איז פון לאַנג אַוועק ערגעץ אין דער ווייט.

אויסגעטריקנט איז דער גרונט, צעשטויבט, זאַמדיק־גראָ,
ווי קיין מאָל וואָלט אַ קוואַל אָט דאָ פריליגנדיק געשאַלט,
און אין אים געשפּיגלט יעדן טאָג לויטערדיקע בלאָ
און אין די נעכט פאַרכישופטע שטערנדיק צעשטראַלט.

ס׳האָט איין מענטש, איבער נאַכט, אַ גאַנצע פאָלק גענאַרט,
און אַ לאַנד אַ בליענדיקס מדבּרדיק פאַרוויסט.
פרייע מענטשן, לוסטיקע, ווי אין אַ תּפיסה פאַרשפּאַרט,
און אים האָט מען משיחדיק ביים אָנקומען באַגריסט.

גיי פאַרשטיי דעם אַשמדאַי ווען אַ מלאך פון אים רעדט,
און טראָגט די טויב פון שלום אויף זיין אַקסל אום,
און פּרעפּלט פרום, פאַרמאַסקירט, בעת איר קעפּל גלעט,
עלעקטריזירט מיט זיינע רייד דעם המון אַרום.

געוויער צו וואָס? — רופט ער אויס — פאַר וועמען און פאַר ווען?—
וואָס קען נאָך שענער קלינגען, פאַר אַ פאָלק וואָס וויל קיין קריג?
און איצטער האָט די גאַנצע וועלט, די גאַנצע וועלט געזען:
ראַקעטן אַטאָמישע, האָט מען געשלעפּט צוריק.

אָ וויי דיר מענטש, עלנטער אויף שווינדלערישער וועלט.
דו בויסט דיין הויז אויף זאַמד און מיינסט, אַז ס׳איז אַ פעלדז.
ס׳גיט אַ בלענד אַ שטראַל, ווי טאָג ליכט וואָלט געהעלט,
צום סוף, אַ נאַכט פון גרויל, אַ קלאָגעדיקס, זיך שטעלט.

גיב מיר גאָט אַ האַרץ מיט בטחון

גיב מיר גאָט, אַ האַרץ מיט בטחון איך זאָל קאָנען אַלעמען טרייסטן,
מוטיקן זיי אין שעה פון פאַרצווייפלונג, די אַרויסגעשפּיגענע פון לעבן,
וואָס זעען ניט פאַר זיך קיין מאָרגן, עלנט, פינצטערניש — אַממייסטן,
זאָל איך אַ שטראַל פון האָפענונג אין זייערע נשמות פאַרוועבן.

גיב מיר ווערטער אויף די ליפּן, וואָס זאָלן וואָרצלען אין דעם אמת;
נישט נאַרן וויל איך זיי און זיך מיט האָפענונגען פוסטע;
ווייל זייער ווייטאָג, צער, זייער קלעם איז
אויך מיינער. די גזירות פון אַזאַ רעזשים זיינען שוין באַוווסטע.

דו ביסט נישט מער אַ פרייער מענטש, מיט געדאַנקען און געפילן.
קענסט זיך ניט באַוועגן ווו דאָס האַרץ נאָר גלוסט,
נאָר גיין ווו מען צווינגט דיך — נאָר די פאַלשע צילן;
ווי אין אַ סטאַדע בהמות, אויך דו מיטגיין מוזט.

מען לערנט דיך זיין בלינד, טויב און שטום.
און אויב עס שפּראָצט אַ וואָרט בייס אים איין ביז בלוט.
און אויב עס לייכט אַ שטראַל — שליס די אויגן צו,
ווייל ער גיט די חיה קיין שלאָף ניט און קיין רו...

מוזסט אַלצדינג פאַרשווייגן, קיין צוק ניט מיט קיין ליפּ,
עס זאָל דער שמייכל ניט פאַרראָטן דיין געדאַנק;
עס מעג דער אמת קלערן ווי וואַסער פון אַ זיפּ
טאָרסטו אים ניט זען — ווער ווייסט ווי לאַנג?

גיב מיר, גאָט, אַ האַרץ מיט בטחון פול פאַר אַלע,
עס זאָל יעדערן אַ טראָפּן מחיה זיין מיט דעם;
מיר ליגן ווי געראַטעוועטע אויף אַ פעלדזנסקאַלע,
און אויפן ראַנד פון אָפּגרונט מיר קלאַמערן זיך אַן שם...

אויב איינער האָסט אַ שקלאַפנטרייבער

אויב איינער האָסט אַ שקלאַפנטרייבער,
האָס איך טויזנט מאָל אים מערער;
ניט איין דיכטער, ניט איין שרייבער,
איז געווען מיין פרייהייטס־לערער...

עס שטראָמט אין מיינע בלוטן
דער נביאיש פרייהייטס־חלום,
איין מענטש דעם צווייטן טאָר ניט קנוטן,
נאָר לעבן ברידערלעך בשלום.

האָט מען אָט דעם חלום מיינעם,
דעם הייליקסטן — פראָפאַנירט,
און מיט אַ מבול פון שיינע ווערטער
אַ גאַנץ פאָלק פאַרפירט.

ראַנגלען זיך מיט נויט און הונגער
מיליאָנען אויסזיכטלאָז, פאַרצווייפלט;
און וואָס לענגער עס פאַרציט זיך
ווערט דער יאוש־פיין געכפלט.

פאַרביטערט און פאַרגאַלטע
שטייען מענטשן אין די רייען
פאַר אַ ביסל גרינסן, אַלטע,
צי עפעס האָבן וואָס צו קייען.

פון באַגינען ביז שפעט אָוונט
און אַמאָל אַ גאַנצע נאַכט,
צום וואַנט צוגעקאָוועט,
צום סוף — גאָרניט ניט געבראַכט...

ניט געלעבט און נישט געשטאָרבן,
יעדן טאָג אַן אַנדער רייע;
אַ גאַנץ לאַנד האָט דערוואָרבן
אַן אומענדלעכע לויה.

שטייען מענטשן, האַלבע מתים,
מיט פּיצעלעך קינדער אויף די הענט;
דער שוואַרצער יאָר ווייסט אים,
ווען ס׳וועט נעמען אַן ענד.

שטומע בלעטלעך וויאָלעטע

שטומע בלעטלעך וויאָלעטע
וואָס זשע ווילט איר מיר איצט זאָגן ?
כ׳פאַרשטיי די שפּראַך, די ניט גערעדטע,
וואָס מיר אַלע זי פאַרמאָגן.

זי איז שטאַרקער פאַרן בריל פון לייב,
און טיפער פאַרן שאָרך פון קוואַל,
קיינער איז צו איר ניט טויב,
און מען הערט זי איבעראַל.

דאָס איז די שפּראַך פון שטערן־סוד,
און פון אָוונט־ליד פון ווינט,
ווען אַ געטלעכער גנאָד
יעדער לעבנס־וועזן שפּינט.

גראָז מיט גראָז רעדט זיך צונויף,
און בלאָט מיט בלעטל אין געמורמל,
און יעדעס שטויבעלע אין לויף,
וואָס ווערט געטריבן פון געווירבל.

און בוים מיט בוים אין רעש,
אין וועלדערשן געוואָי,
ווי אַן אונדזעריקער בר־נש
וואָלט אויסגעקרעכצט אַן אוי.

די כוואַליעס אויפן טייך
לעם דרימלענדיקן ברעג
זאָגן עפּעס אייך
אַ סוד פון ווייטן וועג.

אַלץ דערציילט און רעדט
פון דער גרויסער וועלט,
און וואָס נאָר עס געשעט
קען נישט זיין פאַרשטעלט

ווייל יעדער זאַך זאָגט אויס
מיט איר פאַרשטעלטער שפּראַך
דער אמת זאָל אַרויס —
פאַר דעם איז עס אויף וואַך.

כ׳וועל אין דער פינצטער ניט זיצן

כ׳וועל אין דער פינצטער ניט זיצן!
כ׳וועל שוין אַ שטראַל מיר געפינען,
ער זאָל מיר באַלייכטן און פירן
ביז די נאַכט וועט צערינען.

כ׳וועל אים ניט אויפהערן זוכן
ביז איך וועל אים דערגרייכן,
אויב ניט פון דער נידער —
וועט קומען פון די הויכן.

כ׳וועל מיט אים אַדורכגיין
די אַלע פאַרבלוטיקטע וועגן,
וואָס איצטער האָב איך מורא
אויף זיי צו פרעגן.

און זיי וועלן דאַן
אַן ענטפער מוזן געבן: —
פאַר וואָס אַזויפיל שחיטות,
אַזויפיל פאַרשניטענע לעבנס?

כ׳וועל אין דער פינצטער
לאַנג ניט בלייבן זיצן,
עס וועט אויף אונדזער הימל
אויפדונערן און בליצן.

און דאָס לאַנד באַלייכטן
פון איין עק ביזן צווייטן,
אויף אָט דעם שטורעם
אַלע מיר זיך גרייטן.

און צוריק די פרייהייט,
די פרייהייט די גערויבטע,
דאָס פֿאָלק אָפּגעבן,
די אייביקע באַגלויבטע.

מ׳וועט שוין מער ניט נאַרן
מיט טייבעלעך פֿון שלום,
מיר קענען שוין צו־גוט
די רויטינקע טייוואָלים.

זיי בלענדן אייך מיט מאָרגן,
מיט האָניק־זיסע רייד,
און טראָגן, פֿאַרבאָרגן,
פֿאַר אַלעמען דעם טויט.

מיין היים ווו איך בין געבאָרן

מיין היים ווו כ׳בין געבאָרן
איז פאַרברענט געוואָרן,
אין דעם ערשטן קריג!
וויפל היימען דאַרפן מיינע ברענען?
איך בין נאָך געפאָרן
אין די דרייסיקער יאָרן
צו מיין היים צוריק, —
כ׳האָב איר אָרט קוים געקענט דערקענען...

אַ שטיין איז בלויז געבליבן!
דער ווינקלשטיין פון הויז,
און דאָס גאַנצע שטעטל
איז אָפגעמעקט געוואָרן.
איצטער איז געבליבן
אין מיין זיכרון בלויז. —
כ׳האָב נאָך דאָן מיין מאַמען,
מיין שוועסטער און מיין ברודער
ניט געהאַט פאַרלאָרן.

און היינט — ווייס איך ניט,
ווו זייער געביין איז אַהינגעקומען!
קיינער איז מיט לעבן
פון דעם צווייטן קריג אַרויס!
צוזאַמען זיינען זיי אַוועק
אין פלאַמען,
און מיין גאַנצע וועלט
איז געוואָרן אויס...

און איצט, מיין נייע היים
ליידיקט זיך אַליין אויס.
די קינדער, ווי די פייגל
אין אַ שרפה
פון די נעסטן פליען.
זאָל מיין היים געבויט
מיט בלוט און שווייס,
דעם זעלבן גורל
אויך ניט דאַרפן ציען...

כ׳ווייס ניט פון וואַנען

כ׳ווייס ניט פון וואַנען
עס קומען די וואָלקנס,
פאַרשוואַרצן מיין טאָגליכט,
פאַרווישן די שיין;
די בלומען פאַרוויאַנען
נאָך איידער זיי בליען,
וואָס איז פאַר אַ קללה
אין זיי איצט אַריין?

די זון איז די זעלבע,
דאַכט זיך ווי שטענדיק,
פאַר וואָס איז אין האַרצן
פינצטער אַזוי?
עס קלאַפּן די בלעטער,
די טויטע, די געלבע,
וווּ זיינען די גרינע
פאַרשיכורט פון טוי?

ס׳האָט אַלץ זיך געביטן.
ניט צו דערקאָנען,
די גאַסן, די קראָמען,
די מענטשן, דאָס לאַנד;
די זעלבע זאָמען,
די זעלבע שטאַמען,
פאַר וואָס איז די פּרי
אין ביטערן שטאַנד?

כ׳דערקאָן ניט דעם נעכטן,
וואָס שטייט פאַר די אויגן,
ווי דאָ וואָלטן פרעמדע,
גאָר פרעמדע אַריין!
איך זוך דאָ באַקאַנטע, —
זיי זיינען פאַרפלויגן.
ווי לאַנג וועלן פרעמדע,
פרעמדע, דאָ זיין?!

איך זוך נאָך אַלץ

איך זוך נאָך אַלץ, איך ווייס ניט וואָס ?
עס ציט און ציט דאָס אומגעאַנטע,
וועט עס זיין פון פרייד אַ כוס,
פון דער צייט די געשפּאַנטע ?

צי, חלילה, גאָר פאַרקערט : —
מערער צער, פּיין און גרויל,
אַלץ וועט זיין צעשטערט.
פאַרפּעסטעט, וויסט און הויל.

בלויער באַגינען בלענדיקע זון

בלויער באַגינען, בלענדיקע זון,
באַשטראַלט און באַהעלט מיין שוואַרצן געמיט,
וואָס האַלט מיך פאַרוויקלט אין גרויען געשפּון,
איך זע נאָר ווי עס פינצטערט אויף שריט און טריט.

דער טאָג האָט קיין תקומה, די ליכט — קיין האָפּט,
די פויגל — קיין שטימע, די בלום — קיין זאָפּט,
דער מענטש — פאַרשאָלטן, נאָך מערער פאַרשקלאָפּט.
קייטן פון פרייהייט — דעמאַגאָגישע קראָפּט.

דער מאָרגן, דער מאָרגן — דאָס איז די תליה
אויף וועלכער עס הענגט דער אומשולדיקער היינט,
פון וויטן ער בלענדט ווי בריליאַנטענע קריע
אין דער נאָענט — פאַרפינצטערט, פאַרפיינט...

מיר גייען פאַרנאַרטע מיליאַניקע סטאַדעס
געפירט צו דער שחיטה, פאַר וואָס און פאַר ווען ?
פון אַלע מיר וויסן, און אַלע אָוואַדיס,
דעם אמתן אמת דערגיי און דערקען !

כ׳גלויב ניט אין קיין זאַך, כ׳גלויב ניט אין קיינעם,
כ׳גלויב ניט אין גלויבן, אין גלויבן פון גלויבן,
פון אָט דעם מיילכל, דעם פּיסקל דעם שיינעם,
וואָס פלאַטערן ווערטער ווי ווייסינקע טויבן,

פּיקן זיך אויס גיפטיקע שלאַנגען,
וואָס פאַרגיפטן אַלץ אין אַרום,
עס פאַרנאַרן די אַלע געזאַנגען
ווי אויך די זינגער — צום אומקום.

קאַרוסעלע

קאַרוסעלע, קאַרוסעלע,
קינדער דרייען זיך און שפּילן
און די זון אין בלויען כּישוף
זוכט אין טרוימען זיי פאַרהילן.

קאַרוסעלע, קאַרוסעלע,
מענטשן יאָגן זיך און האַוועז,
און אַליין בידים
זיך אַליין פאַרשקלאַפּן.

קאַרוסעלע, קאַרוסעלע,
קינדער שפּילן זיך און פרייען;
און פון ברעטל פאַלן אַלטע,
פאַרשווינדן און פאַרגייען...

קאַרוסעלע, קאַרוסעלע,
ס'איז אַן אייביקער געדריי, —
ס'הייבט זיך אָן מיט פרייד
און ענדיקט זיך מיט וויי.

קאַרוסעלע, קאַרוסעלע,
דרייט די וועלט זיך ווי דאָס לעבן,
און אַם־ענדע מוזן אַלע
אין דעם טויט־קרייז זיך פאַרוועבן...

אויף צפון

אויף צפון, אויף דרום און מזרח,
אויף אַלענקע פּראָנטן דו זיגסט!
זיי ווועלן דעם פינצטערן חלום
קיין מאָל ניט קענען דערגרייכן,

אַריינוואַרפן צוויי מיליאָן יידן
אין די טיפן פון ים.
זיי האָבן פון דער לעקציע
עפּעס געלערנט מן־הסתם...

דער ישוב רינט אויס

דער ישוב רינט אויס פון יאָר צו יאָר,
ווי וואַסער פון אַ צעשפּאָלטענעם טאָפּ;
איך בין געגאַנגען מיט אים באַרג אַרויף
און איך גיי איצט מיט אים באַרג אַראָפּ.

ווער האָט געגלויבט אין בלענדיקן בלי,
אַז ער וועט האָבן אַזאַ פינצטערן סוף?
פערציק יאָר פון פּראַצע און מי
איז דאָס זיין שכר — צי שטראָף?!

יאָרן פון פּראַצע — פאַרווישט אין אַ שעה!
נעכט ניט דערשלאָפן, טעג ניט דערעסן,
מיט בלוט און מיט שווייס געבויט אַלץ דאָ, —
און עס צערויבט — איז געציילטע מעת־לעתן.

אַ קריץ מיט דער פען — און ס'קיין זאַך ניט דיינס!
און דו אַליין — ביסט אויך ניט ביי זיך...
די טעג און נעכט געוויקט אין פּיין,
שווער צו דערקאָנען דעם אייגענעם איך...

מיט שרעק אין די אויגן פאַר יעדערנס בליק,
מיט ציטער ווי אַ בלאַט פון יעדער געקלאַנג.
יעדער פרייער געדאַנק — געבונדן מיט שטריק,
און מרה־שחורהדיק איז אַל דאָס געזאַנג...

דער ישוב רינט אויס, קיין סימן ט'פאַרבלייבן,
בלויז די בית־עולמס די איינציקע עדות,
מיט זייערע קברים און מצבות פאַרשרייבן,
דאָ האָבן יידן געלעבט פון פאַרשידענע עדה'ס.

טרייסלט־אָפּ פון מיר דעם צער פון עלנט

טרייסלט־אָפּ פון מיר דעם צער פון עלנט,
מיר בלייבן איצט אַליין אָן קינד און קייט.
ווער וואָלט געגלויבט, אַז דער גורל פון דער אַלטער וועלט
אין פאַר אונדז, אין דער נייער וועלט געגרייט?

געמיינט — דער אַטלאַנטיק וועט זיין דער באַשיצער.
די נייע וועלט וועט דעם אַלטן פאַרניכטן,
קיין אָפּשטאַרבן ביים לעבן, — פון קינדער זיך צעשיידן;
ווער האָט געקענט דאָ אויף דעם זיך ריכטן?

ווידער ווערט דער בריוו דער איינציקער פאַרבינדער, —
די פאַפּירענע בריק פון האַרץ צו האַרץ פאַר דורות,
פון דעם שוואַרצן טינט צונויפגעמישט מיט טרערן
שרייט אַ בלוט שטים קעגן אַלע גזירות...

יעדער פּינטעלע דערציילט פון נגישות,
יעדער אות איז אין בלוט געטונקט;
ניט איין מאָל מוז מען אָט די רישעות
פאַרקאָמופלאַזשירן — מ׳זאָל פאַרשטיין עס אויפן ווונק...

מערער נאָך וואָס מען שרייבט פאַרשוויגט מען,
מ׳וויל דאָך קיינעם ניט פאַרשאַפן צער און לייד,
ווערט דער בריוו פאַרוואַנדלט אין אַ וואַנט
וואָס פאַרצאַמט דעם אמת פון דער ווייט...

אַ בריוו

דאַכט זיך, ניט מער ווי אַ שטיקל פּאַפּיר,
מיט שוואַרצינקע טינט דורכגעפּלעקט,
וויפל פרייד, וויפל גליק, אָן אַ מאָס, אָן אַ שיעור,
מיט זיין קומען ער ברענגט און אַנטפּלעקט!

וואָכן און טעג — מען זעט ניט קיין בריוו,
דאָס האַרץ גייט אויס פון בענקשאַפט און צער,
אַ וועלט וואָלט געזונקען אין איר גרויס אין איר טיף,
שטייסט ביי דער טיר און דו וואַרטסט ווי אַ נאַר.

ביי יעדער פייף, יעדער סוויסטש, לויפסטו אַרויס,
דאָס איז ניט די פּאָסט — נאָר אַ פויגל פון בוים
האָט זיך זינגען פאַרוואָלט, פּיפּסנדיק בלויז,
און מיט איין פּיפּס — צעריסן דיין טרוים...

ליגסטו מיט אָפענע אויגן אין נאַכט,
שלאָפסט ניט, וואַכסט. וואַרפסט זיך און טראַכסט: —
ווען וועסטו זען די קינדער נאָך ווען?
צי וועסטו די קינדער אַ מאָל נאָך ווען זען?

קומט דער באַגינען גרוי ווי דער טוי,
וואָס ליגט איבער אַלץ נאַכט־איין און נאַכט־אויס,
גיי איך מיט אים צום טעגלעכן בלוי,
און איך גיי אויך ווי ער, מיט זונליכט אַרויס...

שוואַרץ איז די נאַכט נאָך שוואַרצער דער ים

שוואַרץ איז די נאַכט, נאָך שוואַרצער דער ים,
און שוואַרצער פאַר יידן איז לאַנד ווו געבוירן!
אַז יוגנטלעכע זאָלן אין בלי פון דעם לעבן
געגרייט זיין אין תהום צו ווערן פאַרלוירן.

צוויי יידן, דריי קריסטן, שווימען פאַרברידערט,
מיט שטריק פאַרבונדן איינער צום צווייטן,
עס זאָלן די כוואַליעס ניט פאַרשלעפּן, פאַרטראָגן...
פאַר איינעם, אַלע געגרייט זיך צו טייטן.

די פנימער שוואַרצע, פאַרשמירט ווי טייוואָלים,
עס זאָל דער פּראָזשעקטאָר קיין פּנים אַנטדעקן;
די פאַרשנדע שטראַלן זאָלן געפינען
בלויז פינצטערע נאַכט און ימישע פלעקן.

שטיל זיי שווימען, קיין קלאַפּטער פון דרויסן,
מ׳זאָל ניט באַמערקן, מ׳זאָל ניט דערהערן,
אַז עפּעס באַוועגט זיך פון ווייטן, ווי שאָטנס.
עס ווייסן דעם סוד בלויז פון הימל די שטערן.

ציען זיך שעהען ווי טויזנטער יאָרן,
די נאַכט ווי דער ים האָבן פאַרלאָרן די ברעגעס...
ווער ווייסט צי זיי וועלן דעם ציל דערגרייכן,
עס שלעפּן פון פער זיך די גרויליקע רגעס.

אַכט קילאָמעטער! — ווי טויזנטער מיילן
זיי וואָלטן געדאַרפט דעם ים איבערשווימען,
מיט כוחות די לעצטע זיי שניידן פאָרויס,
די כוואַליעס ווי שלאַנגען זיך וואַרפן און קרימען.

די לייבער באַשמירט מיט פעטס פאַר טיבוראָנען,
דער ריח פאַרטרייבט זיי, און זיי ציען אָפּ;
דאָך שרעקט זיי יעדער קלאַנג פון דער ווייט,
ניט איין וועל־סילועט איז אַ שאַרקישער קאָפּ...

זעקס שעה געשווּומען אין נאַכטיקן חושך,
דערשווּומען צום גרענעץ — די שיף פון באַפרייונג,
אַ לאָדקע דערפירט זיי צום זיכערן באָדן,
דער מאָרגנשטערן בלענדט מיט באַנייונג.

וועש און קליידער מען גיט אין דער באַזע,
פון שטערן און שטרייפן געוועבט איז די פאָן;
זיי האָבן די פרייהייט צוריק אָפּגעווּונען,
אַ לעבן אַ נייער, פאַר זיי הויבט זיך אָן.

אין האַרצן אַ ברכה צו גאָט און צום לאַנד,
אַ תפילה אַ ריינע צו די פאַראייניקטע שטאַטן,
וואָס שטרעקט אויס פאַר יעדן אַ ברידערלעכע האַנט,
וועלכע אַנטלויפן פון ברידער־פאַרראַטן...

(הונדערטער און אפשר טויזנטער, זיינען אַזוי אַריבערגעשווּומען פון קאַימאַנעראַ, קובאַ, צו דער אַמעריקאַנער באַזע אין גואַנטאַנאַמאַ).

ישראל

אַ בוקעט בלומען

(צו די צען בליענדיקע יאָרן פון מדינת ישראל,
דעם נשיא, יצחק בן־צבי — אַ מתנה).

קאַבינעט פון פרעזידענט פון דער מדינה.
ירושלים, כ"ב אדר תשי"ח ;
14־טן מערץ 1958.
2870 — 14

לכבוד
ה' אליעזר אַראַנאָווסקי
האַוואַנאַ
קובאַ.

חשובער ה' אַראַנאָווסקי,

דער פרעזידענט פון דער מדינה האָט מיר געבעטן צו דאַנקען דיר אויף דיין בריוו פון 28־טן יאַנואַר 1958 און פאַר דיינע געטרייע ברכות.

אויך נעם אויף מיט דעם, חשובער אַראַנאָווסקי, אַ ספּעציעלן דאַנק פון זיין עקסעלענץ, דעם פרעזידענט פון דער מדינה, פאַרן ביכל פון שיינע לידער, פול מיט דיכטונג און אויסדרוק, וועלכן האָסט צוגעשיקט פאַר זיין כבוד וועגן און אַלס מתנה פאַר ציון צום צענטן יאָרטאָג פון מדינת ישראל.

מיט ברכה

דוד ברטוב
סעקרעטאַר פון פרעזידענט־קאַבינעט

עמעץ פירט מיט מיין האַנט

עמעץ פירט מיין האַנט אויפן ווייסן פּאַפּיר,
פּאַרפּילט מיט צייכנס, סימבאָלן;
כ׳פיל זיין באַוועג, זיין קער און זיין ריר,
כ׳ווייס ניט ווי אַזוי אים צו מאָלן...

ער יאָגט מיך און טרייבט, ווי זיין וואָלט ער האַר
איבער אַלע מיינע די חושים;
שקלאַפּיש געטריי, אין פרייד ווי אין צער,
פיל איך, כאַטש נעם און צעקוש אים...

כ׳זוך אים אַרום, אומזיסט איז מיין מי,
כ׳ווייס ניט ווו אים נאָכצושפּירן;
ניט איין מאָל מיר דוכט, ער קומט פון ניט־הי,
און עס זענען צו אַלע טירן...

און אַמאָל, גאָר אַמאָל, דערפיל איך דעם סוד
פון נשמה׳ס לאַבירינטיש געוועלבער: —
ווער ס׳פירט מיט מיין האַנט, ווייסט איינער נאָר, גאָט,
און אפשר, איז ער עס דער זעלבער...

פרילינג-ווינטן

די שוואַכע, די קראַפטלאָזע, פאַלן אַראָפּ,
די שטאַרקע, די פעסטע פאַרבלייבן ;
עס האַלט זיך דאָס שטענגל אָן ביי דעם קאָפּ
וויפל דער ווינט זאָל ניט טרייבן...

עס בויגן זיך צווייגן פון ווינטן געדרייט,
אָט דאַכט זיך, זיי וועלן זיך ברעכן,
פּלוצלונג זיי הויבן די קעפּ אויף מיט פרייד —
ס'איז אַ געשפּיל פון געפעכן...

דער פרילינג איז לוסטיק, איז שטיפעריש יונג,
ער רייט אויף די ווינטן גאַלאָפּיק,
טראָגט אין זיין וויכער אַ מעכטיקן שווונג
מיט זודיקע בלוטן פון טראָפּיק.

אין אים ליגט פאַרבאָרגן ציקלאָנישע קראַפט,
אַ שטורעם-געפעכט פון אָקעאַנען ;
דאָך ער צעשטערט ניט ! לעבט אויף און שאַפט
אַלץ וואָס דאָ איז פאַראַנען...

פרילינג-ווינט, ווי אַ ברכה פון גאָט,
רייניקט דאָס פּולע און דאַרבע :
אין אים ליגט לעבן און טויטס סוד —
ס'איז אַ סוגיא אַ האַרבע...

דער נאַכט-גאַלאָן

דער נאַכט-גאַלאָן מיט גאָלדענע בלומען
קרעמיק, ווי פון פוטער געשלאָג,
דאָס האָט די זון אין אַלפּען-ליכט
זייערע בלומען-קעפּלער געצוואָגן.

שמעקט פון זיי מילד און צאַרט,
ווי פון קינדערשע קעפּ יעדן פרייטיק,
יינגלעך פאַרפּוצט צו גיין שוין אין שול
און מיידלעך מיט צעפּ, שוין לאַנג צייטיק...

טראָגט ער אַ ריח פון מנוחה אַרום,
ווי דער שבת אין היימישן שטעטל,
דאַכט זיך ער שרייט ניט, און רופט ניט, נאָר שטום
זינגט צו דיר יעטוועדעס בלעטל...

פילסטו די זמירות פון קדושה אין דער וואָר,
און עס ווערט פאַר דיר שבתדיק הייליק
יעטוועדער טאָג, און יעטוועדער שעה,
דאַרפסט נאָר אויך געבן דיין חלק: —

דאָס ביסעלע גלויבן אין שבתדיק וועלט
פון קדושה, ומנוחה און שירה,
וועט יעטוועדער טאָג דיר שיינען צעהעלט
און אַלץ וועט זיין גלייך ווי אַ ווירע...

פון אַלע די וועגן

פון אַלע די וועגן, די ברייטע,
וואָס פירן צו שטעט און מרחקים,
ליב איך די סטעזשקע די שמאָלע,
פון פעלדער, וואָס קומט ממעמקים...

ליב איך צו גיין דאָרט אַליין
זוכן, פאָרשן און בלאָנדזשען
וועלן אַלץ לערנען, פאַרשטיין,
אַפילו, דאָס קוים וואָס זיך אָנזעט...

אַ פויגל, אַ גריל, אַ וואָרעם,
אַ שפרינגער, אַ זשוקל, אַ בין,
ווי קליין, ווי נישטיק, ווי אָרעם —
זיי האָבן אַ פליכט און אַ זין.

זיי זענען צו עפּעס געקומען
און האָבן אַ צוועק און אַ ציל,
כאָטש מיר הערן ניט מער ווי דאָס זשומען,
און עס עקלט זייער דלוב, זייער דריל...

זיי ווייסן אַליין ניט זייער שליחות
און פירן איר אויס פונקטואַל,
ווי דער מענטש מיט זיין שטאָלץ, מיט זיין יחוס —
ווייל זיי זענען אַ טייל פון וועלט־אַל...

סנאָפּעס פֿון שטראַלן

סנאָפּעס פֿון שטראַלן בינד איך צונויף
ווי גאַרבן פֿון תבואה סוף זומער,
זאָלן באַלייכטן אָוונטס־וועג לויף,
כ׳זאָל ניט אָפּשוואַרצן אַ שטומער...

ווי דער פּויער זיין תבואה נעמט איין
איבער ווינטער צו זיך אין דעם שייער,
וועל איך די שטראַלן צום אָוונט־ליד מיין
זאַמלען — אויף צעלייגן אַ פייער.

ווען דרויסן וועט וואָיען דער ווינט,
דער הערבסט וועט ברעכן און פליקן,
וועלן די שטראַלן וואָס איך קלייב אַצינד,
אין דער שפּעטער נאַכט־שעה מיך קוויקן...

און איך וועל מיך זינגען אַ ליד פון ליכט
ווען אַלץ אַרום מיר וועט זיין נאַכט,
ווייל איך האָב די סנאָפּעס פון שטראַלן אויף זיך
באַצייטנס אין שייער געבראַכט...

אַ פלעק פון אַ טרער

פאַרביי, אַוועק, נישטאָ אים מער,
ווי אַ טראָפּן אויסגערונען.
בלויז אַ פלעק פון אַ טרער
האָב איך פון אים געפונען.

ערגעץ אין אַ ספר,
ביים שיין פון קורניק
איז אויפן בלאַט געפאַלן,
אין אַ טאָג אַ כמורניק.

און זי איז פאַרבליבן
פון אַ גאַנצן לעבן,
דאָס אויג, זי האָט פאַרשריבן,
זיין צער אַרויסגעגעבן.

וואָס עס האָט געדריקט אים,
ווייסט ניט איצטער קיינער;
זי איז אַרויס פון האַרץ
פון אַ באַרג מיט שטיינער...

וואָס האָבן אים געשטיקט
און קיין רו געגעבן,
ס'קען זיין אַ טאָג, צי צוויי,
און אַ מאָל דאָס גאַנצע לעבן...

ווער ווייסט ווער קען עס וויסן
וואָס אין טרער איז איינגעשלאָסן?
אַ האַרץ אַן אויפגעריסן?
צי אַ ים מיט פאַרדראָסן?

ניט איך, ניט דו, ניט קיינער
וועט פון דעם שוין ווּיסן,
כ׳וויל, דאָס טרערן־בלעטל
זאָל ניט ווערן אויסגעריסן...

ביים ראַנד פון האָריזאָנט

ביים ראַנד פון האָריזאָנט, ווי אַ פייערדיקע ראָד,
די זון האָט זיך געדרייט, אין טייך אַריינגעפאַלן;
ווער ווייס וואָס וואָלט געווען, ווען ניט די האַנט פון גאָט,
אויף אייביק וואָלט פאַרשווונדן פונעם ליכט די קוואַלן...

איז באַשערט געווען אַ מיידל עס צו זען,
ווי עס צאַפּלט זון, ציטערט און צערינט,
האָט זי צו זיך אין העמער איר אַריינגענומען,
און אַ העלער חלום אין איר מוח שפּינט.

ווער עס זעט דאָס מיידל, קען איר ניט דערקענען —
ווי זונען־צווייַ די אויגן לייכטן, שימערירן,
און זיי רופן, וועקן, בעטן זיך און מאָנען,
וואָס איז זייער מיין, איז שווער צו דעשיפרירן...

פול מיט פרייד און ליכט איז איר ליימיק הייזל,
און דער שטעג וואָס פירט צו די פעלדער גרינע,
באַרוועס ווי זי גייט, ווו זי זאָל זיך ניט באַווייזן,
ווי אַ פרינצעסן שפּרייט פון זיך אַ שטאָלצע מינע.

מ׳זאָגט זי איז פאַרליבט, און עס זונט אַרויס
ביי יעדן קער און ריר פון איר גאַנצן וועזן;
עס צאַפּלען אירע בריסט ווי קאָקאָ־ניס די גרויס,
ווייסע, ווי פון מילך היימיש־געמאַכטע קעזן.

דער פּנים רייפיק ברוין, די אויגן פלאַמען־שקיעה׳ס,
די האָר אַ גאָלדן קרוין פון דער נאַטור געשאַפן;
עס באַגינט די וועלט ווען זי עפנט אירע וויעס,
און פאַר אירס אַ בליק ווערן יונגען — שקלאַפן...

אַ קינד פֿון דער נאַטור, פּאַלמעדיק געשלאַנקט,
אין אַ ווייסן קלייד — שוועבט פאַרביי אַ שוואַן,
איינזאַם אויפֿן פעלד — פּאַלט איין דיר אַ געדאַנק,
אַז זי איז ניט אַליין, מיט איר איז גאָט פאַראַן...

דו ווילסט פון זיך אַליין

דו ווילסט פון זיך אַליין אַרויסקריגן דעם סוד:
פון וואַנען קומט דאָס וואָרט, דער ניגון און דאָס ליד?
און בעת דו מיינסט, אַז דיר געלינגט, גערעט
צו קומען אויף זיין שפור פון סודותדיקן טראָט

בלייבסטו ווי פאַרשטוינט. נאָך מער אין פלאָנטער־קנויל
זעסטו זיך פאַרוויקלט. און דאָס וואָס נאַקעט, הויל,
האָט אויסגעזען ביז איצט פשוט, איינפאַך, קלאָר,
ווערט פאַר דיר אַנטפּלעקט, ווי אַן אומפאַרשטענדלעך וואָר.

אין זיך אַליין דערזעסט אַ מיסטעריעזע ליכט,
וואָס שיינט און באַלייכט, ווי דאָס וואָלט זיין דיין פליכט.
און פירסט אויס אַ באַפעל פון עמעצן צו דיר,
קיין עכאָ פון קיין קלאַנג, נאָר בלויז אַ ווייטער שפיר...

און דאָס באַוועגט דיין גאַנג, דעם גרויען אויף דער ערד.
און די יום־טוב־דיקע פרייד וועןניט־וועןָ עס קומט.
און עס רייסט זיך אַ געזאַנג פון טיפעניש וואָס יערט
און עס צעזינגט זיך וועלט וואָס האָט ביז איצט געשטומט...

דער פויגל האָט זיין ליד

דער פויגל האָט זיין ליד שוין אָפּגעזונגען.
דעם לעצטן פלי פאַרענדיקט שוין פון לאַנג.
כ׳ווייס ניט ווער און וואָס האָט אים געצווונגען,
ער ליגט אַליין אין נעסט טויט־קראַנק...

צי האָט אים פאַרשאַדט אַ שלעכטער קערן,
צי האָט אַ גיפטיק וואָרעם אים פאַרסמט ?
איר וועט אים זינגען קיין מאָל מער ניט הערן,
איר האָט זיין לעצטן, שוואַנען־ליד פאַרזאַמט...

שטיל איז געוואָרן דער אַרום,
ווי מיט אים וואָלט אַלץ געלעגן קראַנק,
און די גאַנצע וועלט געוואָרן שטום
און פאַרענדיקט איז אויף אייביק דער געזאַנג...

דער בוים, ער שטייט געבויגן ווי אַן אָבל,
דער זינג־פויגל איז פון וועלט אַוועק,
ווי ער וואָלט זיין דער עיקר, ניט, קיין טפל, —
און אַלץ אַרום אין טרויער איינגעדעקט...

אין גאָטס טריט

אַ שטילער, מילדער, פרילינגס־ווינטל
באַוועגט די סטרונעס פון מיין האַרפע,
און ער ברענגט אַריין פון דרויסן
בלומען־ריחות, פרישע, שאַרפע.

לאָזן זיך פונאַנדער טענער,
כוואַליעס קלאַנגען דינע, שטילע,
פון דער טיפעניש פון האַרצן
אַ שחריתדיקע תפילה...

דוכט זיך מיר, איך שטיי ביים עמוד,
פאַר דער גאַנצער וועלט מתפלל,
און דער טאָג איז היינט אַ יום טוב,
זינג איך אויס צום בורא הלל...

און עס דאַוונט מיט דער דרויסן
מיט דעם זוניקן אַרום,
יעדעס בלעטל, יעדעס שטויבל
שעפטשעט, תפילה׳ט האַרציק־פרום...

אַלע זענען מיר מתפלל
מיט אַ רויקן געמיט;
יעדער איינער אויף זיין דרך
גייט נאָך גאָטס טריט...

פון דעם בוקעט לידער
צום נשיא זלמן שזר

6/4/1973

נשיא זלמן שזר

צום 80־טן געבוירנטאָג.

ביסט פון גאָט געבענטשט,
נשיא פון ישראל,
מיט דעם כתר מלכות
און דעם כתר תורה;
דיין לירע, דער כנור של דוד,
דיין דיכטערישע נשמה,
און די קרוין פון גבורה,
זעקסטאָגיקע מלחמה.

הינטער דיר שטייט אַ פאָלק
פון פערצן מיליאָן יידן,
וואָס בלוטיקן פאַר יעדן איינעם
ווער ס'פאַלט אַ קרבן אויפן מזבח
צו פאַרטיידיקן אונדזער לאַנד,
אונדזער פאָלק און לעבן
און זיינען טאָג און נאַכט גרייט
זייערע לעבנס אָפּצוגעבן.

פון דעם פּלשתּי און עמלק
ביז דעם היינטיקן געראַנגל
האָט זיך גאָרניט ניט געביטן,
האָט זיך גאָרניט ניט געענדערט.
אייביק זיינען מיר די דודס
קעמפנדיק קעגן ריזן.
נאָר דאָס גליק וואָס אונדזער שטיינדל
איז פלינקער פאַר די שפּיזן.

איז וועלן מיר די לעצטע שלאַכט,
די לעצטע שלאַכט פון נאַכט געווינען,
ביז דער שלום וועט קומען
ווי אַ שטערן לייכטן, מינען,
פון איבער באַרג, פלאַך און טאָל
וועט אַ בלענד טאָן ניי־באַגינען,
און אונדזער גבורה, ווי אַ לעגענדע,
וועט זיך ווייטער, ווייטער שפּינען...

האַוואַנאַ, כ׳ בשבט תש״ל
27 יאַנואַר 1970

צירות ישראל
לכב׳
מר אליעזר אַראַנאָווסקי
הבאנה

מר אַראָנאָווסקי זייער געערטער

זיין עקסעלענץ דער פּרעזידענט פון דער מדינה, מר זלמן שזר, בעט אונדז צו דאַנקען דיר אין זיין נאָמען פאַר דעם שיינעם ליד וואָס דו האָסט געשריבן און געשיקט אים צו זיין אַכציקסטן געבוירנטאָג.

דער פּרעזידענט האָט געזאָגט דאָס ליד רירט זיין האַרץ.

מיט פיל כבוד

גבריאל דורון
ישראל מיניסטער

דוד בן־גוריון

צום 85סטן געבוירנטאָג.

דוד בן־גוריון

דו ביסט דער גרינדער,
דער פאָטער פון מדינת ישראל.
פאַרן פאַרפייניקטן פאָלק
ביסטו דער משיח, דער גואל.

דו ביסט דער למד־וואָניק:
אַ שטיינהאַקער אויפן שאָסיי, אַ פּויער — אין פעלד;
און צווישן שררות, מלכים —
דער פּרינץ פון יהודהס געצעלט.

אין דער פאָלקס־לעגענדע
ביסטו ביים לעבן אַריין,
און דאָרט וועסטו בלייבן אויף אייביק,
ווי אייביק — די געטלעכע שיין.

אין דער שעה פון גורל
ביסטו ווי אליהו געקומען,
און דיין שאַל פון גאולה
האָט די גאַנצע וועלט פאַרנומען.

די דריטע מלכות ישראל
האסטו אויפגעשטעלט אויף דאס ניי;
און ווו נאר א ייד אויף דער וועלט —
פילט אז זיין לאנד איז שוין פריי.

גייען מיליאנען פון גלות
און עס וועלן מיליאנען נאך קומען,
און מיט זיי אויך די ערד
וואס איז נאך פון שונא פארנומען...

דו האסט מיט דיין שוויס און דיין בלוט
געוויזן ווי א לאנד צו בויען:
ווילסטו אויסלייזן דעם מדבר? —
דארפסטו אליין זיך דעם מדבר פארטרויען

און אין זאמדן געפינען די ברכה
פון ארבעט, פון קדושה און פרייד,
ביז דער נגב וועט זיין ווי פארצייטן
מיט פעלדער און סעדער פארשפרייט.

און דער קיבוץ שדה בוקר
וועט שטאלץ דיין נאמען טראגן,
פאר א זון וואס איז אויפגעגאנגען
מיט אן אייביקן, אייביקן טאגן.

תל־אביב, 2.1.1972

צום ישראל מיניסטער אין קובאַ, ד"ר י. בהר, —

פרידן און ברכה.

איך בעט דיך זאָלסט איבערגעבן מיין דאַנק און שעצונג צום דיכטער אליעזר אַראָנאָווסקי פאַר זיין פּרעכטיקן ליד, וואָס ער האָט מיר געשיקט צו מיין געבירנטאָג דעם 85. כאָטש ער איז מגזם / טרייבט איבער / אין מיין לויב — אָבער דאָס ליד איז פּרעכטיק.

איך צו מיין צער בין איצט צוגעבונדן צום בעט, און איך בין אין תל־אביב צוליבן זיך היילן, אָבער ווען איך וואָלט נאָר געקענט — וואָלט איך אים איינגעלאַדן אין ישראל און צו שדה בוקר, וואָס איך וועל זיך אומקערן דאָרט אין נאָך אַ וואָך אָדער צוויי וואָכן.

מיט ליבע און אָפּשאַצונג

ד. בן־גוריון

חנוכה־ליכט און פאַקל

די 11 קדושים פון מינכען געווידמעט

חנוכה־ליכטל — פייער פון קדושה,
קעגן אַלימפּישן פאַקל פון טומאה,
געטלעכער סימבאָל — פון סנה די ירושה,
מיט נסים באַשיצט פון געפאַרן דער אומה.

די פלעמעלעך שיינען אַרויס דורכן פענצטער,
ווינקען זיך איבער מיט שטערן אין דרויסן,
ווי ס׳זאָל די נאַכט ניט זיין מוראדיק פינצטער
צינדן זיי אין האַרצן דעם בטחון דעם גרויסן.

גיבן אונדז מוט, ווי אַמאָל די מכבייער,
צו קעמפן פאַר קדושה ,פאַר פרייהייט, פאַר גלויבן,
די טומאה פאַרטרייבן פון אַלענקע ווינקלען,
זיך און דער וועלט צו באַפרייען, דערהויבן.

דער קאַמף פון מכבי איז נאָך ניט פאַרענדיקט!
מיר קעמפן אַזוי שוין טויזנטער יאָרן
קעגן דערדריקער, קעגן דערשטיקער,
וואָס מיר זיינען פאַר זיי דער געטלעכער דאָרן.

חנוכה־ליכטלעך, פלעמעלעך ריינע,
קומען דער וועלט באַלייכטן, באַשיינען,
ווען דער פאַקל אין האַנט פון דעם שונא
קומט מיט זיין פייער פאַרשרפהן, פאַרפיינען.

פון אַטען ביז מינכען דער זעלביקער פאַקל,
אָלימפּישע שרפות פון טויט און פאַרניכטונג,
און פאַר דער מענטשהייט דער שוואַרצער סך־הכל
פון אונטערדריקונג, פאַרפיינונג, פאַרוויסטונג.

מען קלאַפּט מיטן האַמער די מוחות באַטויבן,
און זיי פאַלן, ווי אונטערן סערפּ די זאַנגען,
און ווען זיי דערוואַכן צוריק זיך אויפהויבן,
ליגן זיי אַלע ווי שקלאַפן געפאַנגען.

חנוכה־ליכטלעך — ליכט פון באַפרייונג,
איר וועט דעם פאַקל געוויס איבערלעבן!
ווייל טיף אין דער מענטשהייט יוירט צו באַנייונג,
און אָט די באַנייונג וועט פרייהייט אונדז געבן.

2־טער נאָוו. 1972

נאָך אַ צוויי טויזנטיאָריקער פינצטערער נאַכט

נאָך אַ צוויי טויזנט יאָריקער פינצטערער נאַכט,
דורך ימען פון בלוט אָן אַ גרונט,
איז איצטער דער פערטל יאָרהונדערט פון פראַכט
מיט קדושה און גבורה באַזונט.

דאָס לאַנד און דאָס פאָלק בליט אויף דאָס ניי
מיט אַ באַגיניקער, ליכטיקער פרייד,
ווי אַ ריזיקער מעכטיקער קוואַל
איבער בערג, איבער טאָלן זיך שפרייט.

נעטכיקער מדבר — היינט אַן אָאַזיס.
זאַמדיקע בערג — סעדער און שטעט.
פון געבויגענע פלייצעס און רוקנס צעקנאָדערט —
ברוסטיקע יוגנט שפרייזט, איר זעט.

צום מאָרגן, דעם העלן, צו ליכטיקער צוקונפט,
מיט פעסטן טראָט אויף אַלענקע וועגן,
זיי בויען, זיי שאַפן, זיי זייען און פלאַנצן,
באַשפריצן די פעלדער מיט קינסטלעכן רעגן.

פאַר דעם איז דאָס לאַנד פול מיט שפע,
ווי פול מיט גבורה עס זיינען די לענדן,
וואָס שטייען אויף דער וואַך פון ישראל,
איר וועט מען שוין קיין מאָל, שוין קיין מאָל פאַרלענדן.

אַ פערטל יאָרהונדערט מדינת ישראל

אַ פערטל יאָרהונדערט מדינת־ישראל,
קוואַלן פון פרייד, מיט געזאַנג און מיט יובל,
שטראָמען פון אַלע יידישע הערצער,
אויף צו להכעיס דעם פיינט, דעם מנוול.

עס איז די ערשטע פרייד פון יאָרהונדערט,
עס וועלן יאָרהונדערטער טויזנטער קומען,
ווען טויזנטער שטעט און שטעטלעך
באַצירט מיט פאָנען און בלומען

וועלן דעם געבורט פון מלכות ישראל
מערער, נאָך מערער מיט טאַנץ און געזאַנג
אָנפילן די לופט טאָג און נאַכט,
און פאַרקלינגען די וועלט אויף לאַנג.

מיר זיינען די גליקלעכע, וואָס האָבן דערלעבט
צו טרינקען לחיים פאַרן פערטל יאָרהונדערט,
מיר האָבן געליטן, געהאָפט און געשטרעבט,
און ביים דערגרייכן — מיר שטייען פאַרוואונדערט: —

זאָל זיין ס׳איז אמת דאָס אַלץ וואָס מיר זעען,
פאָלק און לאַנד אויף אייביק פאַראייניקט!
און אַזאַ מעכטיק גיגאַנטישע קראַפט
האָבן אין זיך איז וויניק?

אין דריי מלחמות געשטריטן, געזיגט,
ווי לייבן געקעמפט און געפאַלן;
איז איצטער, אין פערטל יאָרהונדערט פון זיג,
זאָלן מיר אונדזער נצחון צעשאַלן!

ישראל

אַ פּערטל יאָרהונדערט,
אַ וועלט באַוווּנדערט,
ווי מעכטיק, ווי פּרעכטיק
זי האָט זיך צעבליט!
ס'איז ניט צום גלויבן,
אַז דאָס איז די זעלבע,
וואָס האָט אויף איר באָדן
דעם חורבן געהיט.

אַ פּערטל יאָרהונדערט,
ס'נישט צו דערקענען,
אַז דאָס איז דער זעלבער
פון גלות דער ייד!
געיאָגט און געפּלאָגט
פון אַלענקע לענדער,
געברענט אומעטום
אונטער אים זיינע טריט.

ווי שטאָלץ, עלעגאַנטיש
ער שפּרייזט אויף זיין באָדן,
באַפרוכפּערט, באַוואַלדערט
דעם מדבר אַליין;
שטעט אויפגעבויטע
אויף זאַמדן און באַגנעס,
פול מיט ליכט,
מיט לעבן און חן.

דאָס לאַנד און דאָס פֿאָלק
איינס און דאָס זעלבע,
וואַקסט מען צוזאַמען
געפּלאָכטן, געקניפּט;
ווער ס׳עט ניט קומען
עס וועלן צעשטערן,
וועט ער אויף שטיקלעך
ווערן צעפּליקט.

אַ פֿערטל יאָרהונדערט
מיט גבורה באַלאָדן,
מיט זיגן באַקרוינטע
אויף אַלענקע פֿראָנטן,
גייט ער אַנטקעגן
בריליאַנטענעם מאָרגן
מיט ברכה פֿון שלום,
צום ווייטן און נאָענטן.

אין דרויסן איז ווינטער

אין דרויסן איז ווינטער, אין האַרצן איז פרילינג.
עס בליִען געזאַנגען ווי צוויט אויף די בוימער,
כ׳שטיי און איך היט יעטוועדער ניגון
ווי אַ געטרייער, געשוואָרענער שומר.

דאָס זיינען ניגונים פון פאָלקס־נשמה,
וואָס איך האָב געירשנט מיט דער מילך פון דער ברוסט,
ווען ס׳האָט מיר די מאַמע ווי אַ קינד געזויגן,
און איך האָב אַליין נאָך פון דעם ניט געוווּסט.

איצטער ווייס איך, אַז מיט יעטוועדער טראָפּן,
וואָס איך האָב מיט מיינע ליפּן געצויגן,
האָב איך דעם גאַנצן צער פון מיין פאָלק
טיף אין מיין האַרצן אַריינגעזויגן.

פאַר דעם האָב איך אַזויפיל ניגונים,
וואָס שפּילן פון מיר אַרויס;
יעטוועדער ניגון איז ווי אַ שטראַל
פון אַ יידישן, ליכטיקן אות.

און אַלע אותיות צוזאַמענגענומען
ווערן פאַרוואַנדלט אין סימפאָנישע קלאַנגען,
דאָס איז דער סוד פון אַלע די לידער,
פון אַלע די מיינע, די שטילע געזאַנגען.

זינג איך אין ווינטער דאָס ליד פון דעם פרילינג,
עס בליט אויף מיין וועלט, כאָטש אַרום איז קאַלט,
בייזע ווינטן וואָיען אין דרויסן
און אין מיין היים — די זון שטראַלט.

טוליע איך זיך צו יעטווערער שטראַלכל
וואָס קומט פון דער ווייט, פון דער צייט,
און איך וויקל צונויף זיך אַ קנײלכל
פון שטראַלן־ניגונים, וואָס דערפרישט און באַנייט.

אין אַ פייערדיקער קויל

אין אַ פייערדיקער קויל פון דער ערד אַרויסגעשטויסן,
זענט איר שוועבנדיק אַראָפּ אויף לבנהס באָדן,
און מיט קדושהדיקע הענט האָט איר פעלדז און שטויב, —
אַ מתנה פאַר דער מענטשהייט — און זעקלער אָנגעלאָדן.

די זעקלער שטיין און שטויב וועלן מיר טייער האַלטן,
ווייל דאָס איז דער ברית פון לבנה מיט דער ערד,
ווי אַמאָל אברהם האָט מיט גאָט געשלאָסן,
אויף אַלע אייביקייטן, פון קיינעם ניט צעשטערט.

מענטשן ווי מלאכים, מלאכימדיקע מענטשן,
איר האָט גאָטס וווּנדער באַוויזן אַליין,
אין פלאַמען דורכגעפלויגן, אָן לופט פאַרן אָטעם,
פון אומגלויבלעכע ווייטן געקומען צו גיין.

אַ שפּאַציר גענומען, ווי אין אמתן גן־עדן,
ווו עס אייביקט רו פון קיינעם ניט געשטערט,
און מיליאָנען מענטשן האָבן געזען אייךביידן
ווי פאַרוואַנדלט אין אַ לעגענדע איר ווערט.

און מיט דער לעגענדע גייען מיר אַריין
אין אַ נייער ערע פון אומגלויבלעכקייטן,
ווו דער ווייטער שיין פון די אַלע שטערן
וועלן פאַר אונדז ווערן שטאַפּלען אין צייטן.

ווער קען איצטער וויסן, קלערן און פאַרויסזען
וויפל איבעראַשונג עס טראָגט פאַר אונדז דער מאָרגן,
אַז אין דעם הימל־רוים פון ביליאָנען שטערן
איז אַזויפיל סודותדיקע בלענדעניש פאַרבאָרגן.

דער נייער מענטש, דער צוקונפטיקער,
האָט ווי זיך אָנצושפּאַרן,
אויף דעם ערשטן לבנה־שטאַפּל,
וואָס וועט אים ניט פאַרנאַרן.

ווייטער גיי, זוך און שטרעב
דעם צווייטן שטאַפּל צו דערגרייכן,
אויף אַ ווייטן לאַנגן שוועב
אין די קאָסמישע הויכן.

מיר זיינען מחדש שוין טויזנטער יאָרן

מיר זיינען מחדש שוין טויזנטער יאָרן,
און מיר ווילן דיך מחדש זיין אייביק.
דאָך ביסטו ביי מיר אויף ס'ניי איצט געבאָרן
מיט דעם מענטשלעכן טראָט אויף דיר, שטויביק.

די געטלעכע קראַפט פון וועלטן באַשאַף
האָט אין מענטשלעכער טאַט זיך אַנטדעקט,
מיטן גרייכן צו דיר אין אַ שטערן־געלאַף,
פון דיין אייביקער רו אויפגעוועקט.

געגראָבן דיין פעלדז, געעקבערט דיין גרונט,
געזאַמלט דיין שטויב מיט קדושה,
דאָס וועט זיין פאַרן מענטש אויף דער ערד
פון אַפאָלאָ די טייערסטע ירושה.

אַ וועלט פון געליבטע האָבן געחלומט פון דיר.
פון דיכטער און קינסטלער באַזונגען, באַמאָלן.
אָבער איצט איז דער מענטש מיט זיין באַריר
געקומען פאַר אַלץ דיר אָפּצאָלן.

יעדער שטויבעלע דיינס, איז דער בעסטער בריליאַנט.
יעדער קרישעלע פעלדז — מער ווי גאָלדענע בערג;
ווייל דאָס האָט דער מענטש מיט זיין אייגענער האַנט
באַוויזן צו קלייבן פון געטלעכע ווערק.

ביז איצט האָט דער מענטש געטראָגן אַ קרוין
פון גאָלד און בריליאַנטן באַפּוצט;
אַנטקעגן דער קרוין פון לבנהקן שטויב,
ווערן אַלע קרוינען פאַברלאַסט, אָפּגענוצט.

זי איז דער סימבאָל פון מענטשן־געדאַנק,
אומבאַגרענעצטע, פאַרווירקלעכונג פון טרוימען;
ער וועט אין דער צוקונפט ניט איין געשאַנק
ברענגען פון די אומענדלעכע רוימען.

זייט באַגריסט, איר אַפּאָלאָ-לייט,
מלאכים און מענטשן!
די מענטשהייט וועט אויף אייביק
מיט אייערע נעמען זיך בענטשן.

זאָג, ווו גייסטו מלכה שבת?

זאָג, ווו גייסטו מלכה־שבת
אַזוי געטלעך צעשטראַלט? —
איך גיי צום כותל מערבי,
ווו די שכינה אייביק זיך האַלט.

דאָרטן וועלן מיר אַלע
מקבל שבת זיין,
הערן געזאַנג פון קידוש
איבערן כוס פון וויין.

און פון דאָרט פאַרשפרייטן
שבתדיקע רו אויף דער וועלט,
ווו נאָר אַ ייד זיך געפינט
זאָל ווערן מיט קדושה באַזעלט.

דורך דעם פאַראייניקן אַלע
מיליאָנען צעוואָרפן, צעשפרייט,
דורך ירושלים הקדושה
מיט קוואַלן פון פרייד.

פון דעם זאָל אויפגיין
אַ געזאַנג פון זמירות
איבער אַלע ווינקלען
פון יידישע דירות.

פרייד, רו און קדושה
זאָל הערשן אומעטום,
און פון האַרץ אַ תפילה: —
שבת־קודש, קום!..

בראשית

װוּנדערלעך, מעשה בראשית!
הקפות אַרום דער לבנה,
אויף כוואַליעס פון הימלשע שטראַלן
שוועבן ווערטער פון טיפער כוונה: —

בראשית ברא אלהים —
מיליאָנען אויף דער ערד הערן,
עס קלינגט אַ מענטשלעכע שטים
ווי אַ געזאַנג פון שטערן.

ווי קומען זיי דאָרטן צו זיין
אין שטערנשן געווימל?! —
דאָס איז די געטלעכע שיין,
וואָס פירט דעם מענטש אין הימל.

דאָס איז די געטלעכע קראַפט
וואָס איז דעם מענטשן געגעבן,
און ער אַליין שאַפט
די קונסט ווי אַ שטערן שוועבן...

איז אָפּן פאַר אים דער רוים
איבעראַל צו דערגרייכן.
מיר אַנען איצט נאָך קוים
ווי ענדלאָז עס זיינען די הייכן.

דאָך וועט די ליכטיקע צוקונפט,
פאַרהיימישן אונדז מיט די שטערן,
עס וועלן נאָך נייַנקע וועלטן
מיט מענטשן זיך פרוכפּערן, מערן.

עס גייט אויף אַזאַ ליכטיקער מאָרגן
אַזוי וווּנדערלעך, צויבערלעך העל...
מיר שטייען נאָך איצט ביים בראשית
די לבנה איז אונדזער שוועל,

דער מענטש דער הערשער פון רוימען,
וועט גליקלעך און פרידלעך לעבן,
און פון שטערן צו שטערן
וועט אַ לעגענדע זיך וועבן...

בלויער טאָג זון צעבלענדטער

בלויער טאָג, זון צעבלענדטער,
פּיר מיך ווייטער ווי ביז איצט,
איבער אייביק־גרינע פּליינען,
וואָס אַזויפיל דו באַזיצסט,
מיט אַ ים פון בלענד און חנ׳ען
גראָז, בוים און בלום באַשפּריצט.

בלויער טאָג, גאָט געבענטשטער,
באַגלייט מיך אויפן לעבנס־וועג
פּונקט ווי איצטער, אַזוי שפּעטער,
ביז די לעצטע, לעצטע טעג,
ווען דער אָוונט וועט צופאַלן
און איך וועל שוין זיין אַוועק...

בלויער טאָג, זיי מיט מיר!
העלף מיר גיין דעם שטילן גאַנג,
זייטיק, פון קיינעם ניט באַמערקט,
מיט מיין אייגענעם געדאַנק,
ווי אַ טייכל־שטראָם פאַרקלערט
אין פאַרכישופטן געפאַנג.

בלויער טאָג, ליכטיק מיינער,
לאָז מיך וועבן זיך מיין טרוים,
אַז ס׳איז פריי אַרום דער רוים,
קיינער וועט אים ניט פאַרצאַמען,
און ווי אַ ווייסער פּערל־שוים
וועל איך אייביק ים׳ען...

דאַכט זיך דאָס זעלביקע ליכטל

דאַכט זיך דאָס זעלביקע ליכטל,
דאָך איך דערקאָן ניט דאָס פייער!
עס איז גרעסער און שטאָלצער געוואָרן,
ליבער און העלער און טייער.

עס ציטערט ניט מער אין דעם פענצטער,
קיין שרעק פאַר ווינטן, פאַר שטורעם,
זיכער ביי זיך און פעסטער,
ווי דער גרעסטער פאַקל פון טורעם.

ווער וועט עס וואַגן פאַרלעשן?
ווען עס טראָגט אין זיך אַזאַ קראַפט,
איבער צוויי טויזנט יאָר גבורה,
וואָס לייכט מיט קדושה און שאַפט.

איבער אַלע פינף קאָנטינענטן
האָט עס געלויכטן און לייכט!
אַזוי וועט עס ברענען שוין אייביק,
ווי אייביק אין ימען טייכט.

ערגעץ ווו לאָזט מען ניט צינדן,
דאָס פייער אין האַרצן פאַרבלייבט;
איר קענט בלויז הענט און פיס בינדן
ניט דאָס האַרץ וואָס מיט פייער טרייבט.

וועלן פריער צי שפעטער אויך דאָרטן,
חנוכה־ליכטעלעך ברענען,
און דאָס יידישע פאָלק ווי אַ גאַנצע
וועט אומעטום ברידער דערקענען.

מיר זיינען די דיכטער וואָס זינגען פון פרייהייט

מיר זיינען די דיכטער וואָס זינגען פון פרייהייט!
מיר האָסן די קייטן אויף קערפּער און גייסט,
אַלע איינס צי זיי זיינען פון שטאָל צי פון ווערטער,
מיר רופן און וועקן: צעפּליקט און צערייסט!

דער מענטש איז באַשאַפן צו לעבן אַ פרייער,
מיט פליכטן, פאַרשטייט זיך, מיט פליכטן אַ סך;
ס'איז קיין זאַך צו שווער און קיין זאַך צו טייער
אָפּצוהיטן די איינציקע, ווערטפולע זאַך...

ניט פאַר ברויט, ניט פאַר גאָלד, פאַר קיין שום געלט,
זאָל מען די אייגענע פרייהייט פאַרקויפן.
האָסטו אַלץ — האָסטו גאָרניט אויב זי דיר פעלט,
און מיט איר — האָסטו אַלץ אין דער וועלט.

פרייהייט מיין ציטעריקע, ווייסינקע טויב,
לאָז זיך שפּאַצירן אין בלענדיקן רוים,
זעסט אַ פאַרצווייפלטן, רוף אים: — גלויב!
כאָטש ער שטייט אויפן ראַנד פון אַ תהום.

ווייל פריער צי שפּעטער, — צו דעם גייט די וועלט,
וועלן אַלענקע מענטשן זיכער זיין פריי.
קיין דיקטאַטור, אָפן צי פאַרשטעלט,
וועט מער שוין ניט זיין סיי־ווי־סיי.

מיר זיינען די דיכטער וואָס וועקן צו פרייהייט,
רופן, צערייסן די קייטן וואָס בינדן,
אַלע די פראַזן וואָס בלענדן, פאַרנאַרן,
וועלן אויף אייביק, אויף אייביק פאַרשווינדן.

די מאַנגאָ־בוימער בליִען מיט גאָלדענע קרוינען

די מאַנגאָ־בוימער בליִען מיט גאָלדענע קרוינען.
יעדער צווייג איז מלכותדיקע פּראַכט!
ווי זאָל מען ניט באַוווּנדערן, און שטוינען,
וואָס זיי האָבן פרי דעם פרילינג אונדז געבראַכט.

ערגעץ ווו ליגט אַ וועלט און פרירט.
דער פרילינג יווירט נאָך דאָרט טיף אין דער ערד,
און דאָ — דער הימל בלויט און שעמערירט,
מיט יעדן טאָג בלענדיקער ער ווערט.

עס זינגט די ערד מיט איר גאַנצער קראַפט
דאָס ליד פון לעבן, דאָס ליד פון אויף דאָס ניי;
און אויף יעדן טראָט זעסטו ווי זי שאַפט,
וואַרט ניט ביז ס׳עט קומען מאַנאַט מיי.

זי האָט אַליין דערוואַכט. וואַרט ניט אויפן וועקער.
זי באַגינט אין נאַכט ווען אַלץ שלאָפט און רוט.
זי גלויבט ניט אין דעם רעש, אין דעם קלאַנג פון גלעקער,
און וואָס זי האָט צו טאָן — אין דער שטילקייט טוט.

פאַר דעם, ווען אַלץ דערוואַכט, באַוווּנדערט דעם אַרום,
אַזוי געביטן איז די גאַנצע פּאַנאָראַמע,
שעם זיך ניט פאַר מיר, קום מיט מיר, קום
גיב אַ קוש די ערד, ווי אַ קינד דער מאַמען.

לייג די ליפּן צו צו די גרעזלעך שטילע,
זאָג מיט זיי צוזאַמען פונעם האַרץ אַ תּפילה,
וועסטו פילן, ווי זי נעמט דיך אַרום,
און זי קושט דיך אויס, ווי אַ מאַמע פרום.

מיין אָוונט־תפילה

מיין אָוונט־תפילה
זאָג איך מיט דעם גאַנצן וועלט־באַשאַף,
איך בין ווי זיי אַ שקלאַף
אין דער וועלט דער שטילער.

אין פרימאָרגן־שעה
קערט מען וועלטן;
פאַרנאַכט — ציט עס
צו רויקע געצעלטן.

דעם טאָגס טומל
גייט אַוועק מיט רויך,
אין דעם געזשומל
מיינסט — ביסט עפּעס אויך.

פאַרנאַכט, זעסטו שקיעה
פון דער זון,
און פון העלן טרוים —
אַ צערון...

גייסטו שטיל אַהיים
אויפצונעמען נאַכט.
איינגעהילט אין שאָטנס
ווערט די טיר פאַרמאַכט.

עס העלפט ניט דער לאָמפּ

עס העלפט ניט דער לאָמפּ,
קענסט נאָר דיינע דלד אמות באַלייכטן —
אין דרויסן בלייבט פינצטער!
אַ טראָפּעלע שיין
האָט ניט קיין ווירקונג די מינדסטע.

דו ווערסט מיט דיין היים
דער וועלט ליכטיק ניט מאַכן,
זי איז ווי דער תהום;
פונקט ווי אברהם
האָט גאָרניט געקענט רעטן פון סדום.

כ'האָב ליב די איינזאַמע סטעזשקע

כ'האָב ליב די איינזאַמע סטעזשקע אין מיטן פעלד,
וואָס זעלטן ווען עמעצער אויף איר גייט,
און ווען די באַמערקסט, ס'האָט ווער זיך געשטעלט, —
טראָגט ער אויף זיך גאַרבן פון פרייד.

אויף איר גייט מען מיט זריעה פרילינג אין פעלד,
און אין האַרבסט טראָגט מען די שפע אַהיים.
און יעדער וואָס גייט דאָרט פילט זיך אַ העלד
נאָכן באַזיגן די ערד פון שטיין און פון ליים.

ער האָט געקנאָטן מיט שווייס זיין ברויט,
ביז עס זיינען אויפגעגאַנגען קערנער מיט זאַנגען,
ניט איין טאָג האָט געפינצטערט, גערעגנט, געגרויט,
און ער איז אָן פחד צו דער אַרבעט געגאַנגען.

די סטעזשקע די שמאָלע, זי האָט אים געפירט
ווי אַ טרייע שוועסטער פון פעלד און צום פעלד,
פאַר דעם האָט ער איר מיט גרינסן באַצירט
זי איז כמעט אין גאַנצן פאַרשטעלט.

נאָר דער מענטש וואָס גייט ווייס ווו זי איז,
קושט אויס מיט זיין טראָט איר יעדן שטויב,
און זי קושט אים אויס זייִנע באָרוועסע פיס,
ווי עס קושן זיך פאַרליבטע אַ טויב מיט אַ טויב.

כ׳וואָלט וועלן זיין ווי דער קוואַל

כ׳וואָלט וועלן זיין ווי דער קוואַל ביים יאַגיסטאַווער קאַנאַל,
וואָס האָט פון די טיפן געטריבן טראָפּן נאָך טראָפּן אין פאַל,
פול איז דער עמער געווען, שטענדיק קאַלט און פריש,
מיט אַ מחיהקן טרונק האָט ער אונדז, יוגנט, באַגריסט.

מיר זיינען געגאַנגען דאָס רוב שבת נאָך מיטאָג צו אים,
אויסגעצויגן אויף אַלע פיר צו קענען דערגרייכן זיין פלאַך,
האָבן מיר מיט ליפּן־באַריר געצויגן, געשלונגען אין זיך,
און ער איז פאַרבליבן אויף אייביק אין אונדז וואַך.

ס׳ניט נאָר דאָס וואַסער אַליין און אויך ניט זיין סוד פון דער טיף,
ס׳איז דער גאַנצער וואַלד אין סאָסנעדיקן טרוים,
די טייכן אין אים אַרום, און דער פויגל־געשטיף,
מיט דעם קאַנאַל, וואָס שפּרייט זיך ווי אַ בלויער זוים.

ס׳איז דער פרילינג און יוגנט, וואָס האָט מיטן וואַלד אויפגעבליט,
און ניט אויף איין בוים הערצער אויסגעקריצט,
ווי די פלאַמיקע קושן, וואָס האָבן אויף די ליפּן געגליט,
און דעם גאַנצן וואַלד מיט ליבע־פונקען באַשפּריצט.

עס שטייט נאָך היינט זיכער דאָס קווערלכל מיט זיין פולן עמער,
נאָר די יידישע יוגנט זי איז אויף אייביק פאַרשוווּנדן, —
אַ טייל האָט מען אויסגעשאָכטן ווי אומשולדיקע לעמער,
און די וואָס זיינען געראַטעוועט — לעבן מיט אָפענע ווונדן...

די שבת־ליכט וואָס די מאַמע האָט געבענטשט

די שבת־ליכט, וואָס די מאַמע האָט געבענטשט,
פאַרשטעלט די אויגן, ניט צו זען די שיין,
מיט אירע צוויי בלאַסע מלאכישע הענט, —
זיינען אין מיר אויף אייביק אַריין.

דאָס טישטער, דער ווייסער געבלענד איבער די חלות פאַרדעקט,
די קדושה פון שבת, די רו, ביז היינט נאָך מיר קלעקט.
ווי נאָר איך זע נאָר אַ ליכט, דוכט מיר דער מאַמעס געזיכט
שטייט אַנטקעגן מיר, פלוצעם, אומגעריכט.

פיל איך ווי זי מאַנט דעם שבת, דעם שבת ביי מיר.
דאָס וואָס איז געוועזן ביי איר פון לעבן דער ציר,
אַלץ איז געוואָרן פאַרגעסן, פאַרוואָרפן אָן אַ זייט,
ווי נאָר עס איז געקומען צו ליכט־בענטשן די צייט.

דעם שבת טראָג איך אַרום איצט אין מיטן דער וואָך.
אין יעטוועדן טאָג איז ער דאָ מיט זיין ליכט, מיט זיין שיין,
אָן אים וואָלט מיר שווער געווען צו שלעפּן דעם יאָר,
אָרעם געווען וואָלט מיין לעבן ווי רייך איך זאָל ניט זיין.

מיט אים זינג איך זמירות טאָג און נאַכט,
און פאַרטרייב דעם אומעט — די וואָך פון דער וועלט;
איך האָב מיר שבת פאַר זיך שבתדיק געמאַכט,
און די שוואַרצע נאַכט באַלויכטן, באַהעלט...

די כנור של דוד

דוד המלך, דערציילט די לעגענדע,
געהאַט האָט אַ פידל, וואָס איז געהאַנגען צוקאָפּנס,
ווען אומעטיק, פינצטער איז געווען אויפן האַרצן
פלעגט זי דאַן אויפשפּילן, אויפשפּילן אַליין;
און אַלע די טענער, די קלאַנגען, די שטילע,
וואָס וועקן און רופן און בעטן צו תפילה
האָט קיינער פאַרשטאַנען, האָט קיינער געפילט,
נאָר ער נאָר אַליין! נאָר ער נאָר אַליין!

האָט ער דאַן געשאַפן זיינע מזמורים —
די שענסטע געזאַנגען פון מענטשלעכן מין,
פון קדושה, יראה, יסורים און רחמים,
פון אייביקע ליידן און פריידן דעם זין,
פון גלויבן און האָפן, פון קיין מאָל ניט צווייפלען —
פון פינצטערער נאַכט — קומט אַרויס אַ באַגין!
דער עיקר — בטחון, אויפן ראַנד פון אָפּגרונט —
גאָט וועט דיר העלפן — אין האַרץ אים געפין.

סטרונעס וואָס שפּילן מיט רוח־הקודש,
פון מענטשלעכע פינגער ניט באַוועגט, ניט באַרירט,
שטראָמען מיט טענער פון געטלעכע קוואַלן
ניגונים אַזוינע פון סודות פאַרהילט,
דאָס איז די ירושה פון כנור של דוד,
וואָס ער האָט געלאָזן אויף אייביק זיין פאָלק,
ווי נאָר זיי ווערן פאַרפייניקט פאַרפאָלגט,
הערט איר — דער כנור של דוד זיי שפּילט!

ביז די זון וועט פאַרגיין

ביז די זון וועט פאַרגיין
וועלן שטראַלן מיר קלעקן
די נאַכט דורכצוגיין
דעם באַגינען צו וועקן.

אָנזאָגן אויף טאָג.
די פינצטערניש פאַרשווינדט;
און אויף יעדן ראָג —
אַ שטערן זיך צינדט.

די שאָטנס וואָס איר זעט,
די לאַנגע ווי די שלענג,
איינס די צווייטע צעטרעט
אין בהלה — געדרענג.

ווייל זיי פילן דעם גאַנג,
דעם ליכטיקן פון וועלט.
הערט אָט דאָס געזאַנג: —
עס טאָגט! עס העלט!

גאָטס אַ פּערז

בלאָנדע טעג און בלויע נעכט,
גרינע אויגן טיף פֿאַרשטעקט
שטערנען, ווינקען פֿון דער ווייט,
ווי זיי וואָלטן עמעצן געוועקט.

שענסטער חלום בלאָס איז, שוואַך,
קעגן ווירקלעכדיקן טרוים,
ווו עס כישופֿט יעדער זאַך
אין דעם צויבערלעכן רוים.

וואָס איז דער יחוס מיטן מענטש
מיט אַלע גענג — גלייכע, קרומע ?
אַז יעדער גרעזעלע דאָך בענטשט
מיט זיין תפֿילה, מיט זיין פֿרומע,

אָט דעם וווּנדערלעך באַשאַף
מיט תמימותער אַנטציקונג,
אַן געאייל, און אָן געלאָף,
די געטלעכע דערבליקונג.

און ער בויגט זיך צו דער ערד,
ווי נידעריק ער איז,
ער פֿילט, אַז גאָט דערהערט
ווי זיין תפֿילה פֿליסט

און פֿאַר דעם אַליין
פֿילט ער אַז זיין זיין
איז ניט בלויז פֿאַרגיין,
נאָר אַן אויפֿגיי־שיין.

פון אַ גרויסן ליכט,
וואָס יעדער איז אַ פונק
פון אַ פלאַמען־שיכט,
ווי אַ פייער־ווונק...

און צוזאַמען שטראַלט
דער גאַנצער אוניווערס,
אַ שטילער ניגון קוואַלט —
גאָטס אַ פערז...

ווער עס שרייבט פון מיר אַרויס

ווער עס שרייבט פון מיר אַרויס
ווייסט דאָך זיכער וואָס ער טוט;
כ׳בין דאָך מער ניט ווי דאָס הויז,
ווו די מוזע זיינע רוט?

כ׳בין דאָך מער ניט ווי די האַנט
וואָס ער פירט אויפן פּאַפּיר,
מיט זיין אייגענעם פאַרשטאַנד,
און זיין טיפן פיל און שפיר.

ניט זעלטן איך ווייס
און פיל זיין באַריר;
עפּעס שטעלט ער אות נאָך אות
און עס קומט אַרויס אַ שיר.

אַז איך לייען אים אַדורך
מיט אַ יראָהדיק געפיל,
לויפט מיר דורך אַ קרוך
דורך די ביינער שטיל.

כ׳גלויב ניט און איך גלויב,
וואָס איך זע און הער:
אַ פלאַטער פון אַ טויב,
אַ ציטער פון אַ טרער.

דאָס זאָל זיין איך?
צי דאָס זאָל זיין ער?
אויפגעשריבן גיך
האָט דאָך עמעץ ווער?

וואָס האָט ער געוואָלט,
און וואָס האָט ער געמיינט,
ווען ער האָט געמאָלט
הערלעך און באַחנט?

כ'ווייס ניט. נאָר כ'זע
סטראָפן אויסגעשטעלט,
און פון יעדער שורה
שאַפונגס־פרייד קוועלט.

בלימלעך פיאָלעטע בליקן אַריין דורכן פענצטער

בלימלעך פיאָלעטע בליקן אַריין דורכן פענצטער,
דאָס ווינטל באַוועגט זיי — זאָלן מער רירעוודיק זיין;
אין דער פאַרנאַכטיקער שעה פון רו דער געבענטשטער
קומט צו מיר ליכטיקע בלימלעך! קומט אין מיין צימער אַריין!

איך בין ניט אַליין דאָ, מיט מיר זיינען ביכער פאַראַן.
גיב איך אַ מיש אויף אַ בלעטל — גיט עס אַ זונג פון אַ פלייט,
אַ צווייטע—שפּילט אויף ווי אַ פידל, אַ דריטע—אַ קלאַנגען־פאַנטאַן,
און אַלע אַרום מיר זיי לעבן, כאָטש זיי זיינען פון לאַנג שוין טויט.

דאָס האָבן די דיכטער געוואָלט, ווען זיי האָבן די לידער געשריבן —
אַנטלויפן, אַנטלויפן פון טויט און בלייבן לעבן נאָך דעם,
און זיי האָבן זייערס דערגרייכט: — זיי זיינען, זיי זיינען פאַרבליבן
לעבעדיק אַזוי ווי אַמאָל — כאָטש איר פילט אין האַרצן אַ קלעם.

דער ליכטיקער טאָג איז געבליבן אַזוי ווי אַמאָל איז געווען.
די נאַכט מיט פאַרחלומטע שטערן וויל גאָרניט פאַרגיין.
און אין יעטוועדער סטראָפע, ווי איר וואָלט אַליין עס געזען, —
ווי ס'איז געווען אַמאָל, אַזוי איז געבליבן עס שטיין.

עס לעבט ניט בלויז דער דיכטער נאָר אויך די וועלט פון דאַן.
מעג עס זיין טויזנטער יאָרן — איז עס ניט מער ווי אַ שפּאַן,
די צייט און דאָס אָרט בלייבן אייביק דורכן כישוף פון וואָרט,
ווי דו וואָלסט געווען דאָן מיט אים אויך דאָרט...

די לאַנדשאַפט פון לאַנג שוין געביטן, די שטאָט פאַרווישט, פאַרמעקט
פון די, וואָס האָבן געלעבט דאָ, איז שוין קיין זכר נישטאָ;
דאָך איז אין בוך פאַרבליבן, און אויף טויזנטער יאָרן נאָך קלעקט,
דאָס געזאַנג פון זייער לעבן, פון זייער געבענטשטער שעה.

מיר פילן עס איצט ווי שטענדיק, ווי אייביק וועט עס זיין.
די ווערטער פלאַמען אויף מיט פולער ליכט און קראַפט,
און טיף אין דער נשמה גייט עס ביי יעדן אַריין,
ווי דו אַליין וואָלסט זיין בעת ווי דער וואָס שאַפט.

פאַראייניקסט זיך מיט בוך, מיטן לעבן פון אַמאָל,
דורך דיר לעבט אויף צוריק דער אַמאָל אין פולער פראַכט,
דורך דיין אייגן שטים הערסטו אויך יענעמס קול,
וואָס האָט צוריק פאַר דיר אַלץ לעבעדיק געמאַכט.

אַ קאַלטער ווינט פון צפון

אַ קאַלטער ווינט פון צפון,
אַ הייסע זון פון דרום
און אַ ים מיט האָפן —
ווער זאָגט, אַז איך בין אָרעם?

ער פייפט מיר אויס אַ לידל
פון סאָסנעדיקע וועלדער
מיט שנייִקע בריליאַנטן
צעשאָטן איבער פעלדער.

מיט שטיבעלעך מיט קליינע
געבענטשט מיט רו און שלום;
אין שטיבעלעך אַזוינע
געבליבן איז מיין חלום.

כ׳וואַנדער איבער וועלטן,
כ׳קען אים ניט געפינען —
פון אַלע די געצעלטן
געבליבן נאָר — רויִנען.

מיין חלום פון דער יוגנט,
מיין חלום פון די שטיבער,
געבליבן איז פון זיי —
קברים און גריבער.

זון מיינע פון דרום
באַלייכט מיר דעם וועג,
נעם מיך פאַרן אָרעם
פון פינצטערניש אַוועק.

פיר מיך צו דער ליכטיקייט,
וואָס איז פריי און אָפן,
איך זאָל זי אַריינגיסן
ביי מיר אין די סטראָפן.

דעם אָוונט ניט באַוויינען,
פֿאַרפּייניקן, פֿאַרקלאָגן,
נאָר גיין מיט דיר אין איינעם
צו לויטערקייט פון טאָגן.

שטאַבין

בייביידע אַרויסגאַנגס פון שטעטל
זיינען געשטאַנען צוויי שמידן,
שוואַרצע, פאַרמורזשעטע יידן
מיט ליכטיקע בליקן ;
צווישן געזאַנג פון דעם האַמער
און דעם בלענד פון די פונקען
איז געלעגן מיין שטעטל
פאַרוואָרפן, פאַרזונקען.

איך — בין שוין לאַנג אין דער וועלט,
פון איר — איז שוין גאָרניט פאַרבליבן,
ס'איז אַפילו אין ערגעץ
איר אומקום ניט פאַרשריבן ;
דאָך איז דער קלאַנג פון דעם האַמער
און דער טאַנץ פון די פונקען
מיט מיר אין וועלט אַוועק,
און איך בין ווי דאָס שטעטל —
צווישן זיי פאַרזונקען...

באַגלייטן מיך שטענדיק די בליקן,
די ליכטיקע בליקן פון שמידן,
דער עכאָ פון צעהוידנטן האַמער,
די פונקען שטערן, וואָס פליען
איבער שוואַרצע פאַרחושכטע יידן,
מיט אויגן וואָס ברענען און גליען ;
זייער גבורה און מוסקולן פון אייזן
האַלטן אין איין רופן און ציען
איך זאָל ווי זיי אין געזאַנג —
די ליכטיקע פונקען באַווייזן.

שטעטעלע מיינס שטאָבין,
צו איז נאָך דיין נאָמען פֿאַרבליבן
ערגעץ אויף דער מאַפּע,
נאָך דעם ווי דיך האָט דערשטיקט
די ברוינע, נאַצישע לאַפּע,
ווי טויזנטער שטעטלעך און שטעט,
וואָס מ׳הערט ניט פֿון זיי און מען זעט,
ווי אין אַ הינערפּלעט, אַלץ אַ דוכטעניש בלויז,
קיין מאָל געוואָרן גאָר אויס...

שטעטעלע מיינס שטאָבין,
מיט דיר שטענדיק איך בין!
וווּ איך זאָל ניט זיין
ביסטו די ערשטע אַריין,
כאָטש קיינער דיך זעט און באַמערקט,
ווייל איך טראָג זיך מיט דיר.
זיץ איך דער לעצטער ביים טיר,
און איך פֿיל דיין באַריר —
ווייל דו ביסט שטענדיק אין מיר.

כ׳האָב פיינט דעם אויבן אָן,
דעם פּוסטן אָנשטעל און גלאַנץ,
דעם גרויסשטאָטישן שטעל,
אָן האַרץ און אָן זעל;
טוליע איך זיך צו דיר
שטעטעלע מיינס, שטאָבין,
און וווּ איך זאָל ניט זיין
בין איך דאָס וואָס איך בין...

איינפאַך און פשוט ווי דו,
פשוטער קען שוין ניט זיין,
ערגעץ פאַררוקט אָן אַ זייט
אָן אַ באַן און שאָסיי
מיט יידן אַ מנין צי צוויי,
דאָס איז מיין גאַנצע וועלט.
און אַז איך בין מיט זיי —
שוין גאָרניט מיר פעלט.

דאָרט ווו אונדזער שטוב איז געשטאַנען

דאָרט ווו אונדזער שטוב איז געשטאַנען,
און מיין וויגל געהאַנגען,
זע איך איצטער פון דאַנען
ווי קיין מאָל פאַרגאַנגען.

אויף דעם זעלביקן פישער־געסל
מיט שטויב פון יעדער וואָגן,
וואָס איז נאָר פאַרביי געפאָרן
האָט זיך אין דער לופטן געטראָגן.

שטיי איך איצט אַ פאַרטראַכטער,
און קוק אויף אַלץ מיט חידוש:
דער בית המדרש אַ פאַרמאַכטער
און דער חזן מאַכט דאָרט קידוש.

זאָל זיין אַז היינט איז שבת,
און איך האָב פון דעם פאַרגעסן?
טאָ פאַר וואָס איז צו דער בית מדרש?
פאַר וואָס גייען זיי ניט עסן?

האָבן זיי דאָרטן געדאַוונט!
טאָ, פון וואַנען זיינען זיי אַריין?
און וואָס איז אין בעכער פון קידוש,
זאָגט מיר — בלוט צי ווייַן?

ווייל איך ווייס עפּעס אַנדערש:
ס׳איז קיין זכר געבליבן
פון אַלץ וואָס איז געוועזן
ביז מען האָט זיי פאַרטריבן.

ס׳איז שווער צו טרעפן,
אַז דאָ איז געווען אַ ישוב,
ווי עמעצער וואָלט אָפּגעטאָן
מיט דעם שטעטל אַ כּישוף.

גערטענער, לאָנקעס און פעלדער —
פון מענטשן, הייזער און גאַסן,
ווער װעמען האָט זיך פאַרוואָלט
פון מיר איצטער צו שפּאַסן?

און ווייזן צוריק מיר די שטוב
ווו מיין וויג איז געשטאַנען,
אַז דאָס שטעטל איז אַ בלוטיקע גרוב,
כ׳זע איר, כ׳זע איר פון דאַנען.

אפשר קענט איר מיר זאָגן

אפשר קענט איר מיר זאָגן:
פון וואַנען קומט צו מיר צו פליִען אַ ניגון,
פון וואַנען?
כ׳וויל זיך אין די הויכן טראָגן
פון דאַנען!

מיט אַ סעקונדע צוריק
האָב איך פון דעם ניט געקלערט,
ניט געאַנט,
און איצט, ווי אַן אַנגעצויגענער סמיק
איבער די סטרונעס, געשפּאַנט.

ציִען זיך טענער, קוועלעכלער שטילע,
פון פאַרבאָרעגנע טיפן
אַ האַרציקע תפילה,
איבער מיר — אַ טלית,
אַ געטלעכע הילע.

יינגווייז האָב איך געדאַוונט ביים עמוד,
קהל אויף מיין ברכה געענטפערט האָט אָמן;
דער זיידע געמיינט: אַזוי וועט זיין תמיד,
געלויבט איז דער אויבערשטער,
געלויבט איז זיין נאָמען.

צום סוף גאָר אַוועק
אויף אַנדערע דרכים,
וואָס פירן צו שטחים
פון אים ניט פאַרזייטע,
פון אים ניט געגרייטע.

בלאַנדזשע איך וואָגלער
זיך צו געפינען,
ניט זיין מער קיין קלאָגלער
אויף פרעמדע רויִנען,
נאָר שפינען
ווייטער דעם פאָדעם,
דעם פאָדעם פון תכלית,
ווי טאַטעס, ווי זיידעס,
פאַר הונדערטער דורות
אָן שרעק און אָן מורא׳ס,

און זינגען די זמירות
מיט אַ נשמה־יתירה
פון פרייטיקצונאַכטן,
שבתים, יומטובים,
דעם ניגון פון תורה.

עס גייט ניט לאיבוד קיין זריעה!
יעטוועדער קערנדל, וואָס נאָר פאַרזייט
און פאַרפלאַנצט
פריִער, שפּעטער מוז אויפגיין —
אַ בלומיקער קראַנץ.

די אַלע ציקלאָנען, טאָרנאַדעס
האָבן אין מיר, דעם יידישן קערן
ניט געקענט פאַרווישן,
ניט געקענט צעשטערן, —
ער האַלט אין אייביקן ווערן.

נעם מיר מיט אין דיין אָוונטיקער טראַכט

נעם מיך מיט אין דיין אָוונטיקער טראַכט,
כ׳וועל מיט דיר אין האַריזאָנט פאַרגיין
און באַגעגענען דעם צויבער פון דער נאַכט,
אפשר וועלן מיר בעסער זיך פאַרשטיין ?

דו האָסט אין זיך אַזויפיל קאָלאָריט,
מיט ניואַנסן און שאַטירונגען פון פאַרב,
אַז דאָס אַליין דערגיין צו דיר מיך ציט,
ווי ערנסט דאָס פאַרגיין זאָל זיין, און האַרב.

די גאַנצע וועלט פאַרבענקסטו נאָך זיך,
ווען דער לעצטער שטראַל דעם שפּיץ באַרירט ;
פון אַ פויגל-פּלי ביז אַ וואָרעם-קריך
פּילט זיך אין דער שקיעה-צייט געריירט.

אומעטיקער ווערט דער שטיין וואָס ליגט,
און דער שאָטן וואָס ציטערט אויפן וואַנט,
עפּעס ווי אין זיי וואָלט אויך געדריקט,
כאָטש זיי האָבן קיין געפיל ניט און פאַרשטאַנד.

אַלץ ווערט אַדורכגעדרונגען טיף
מיט אַ קלעמעניש, אָן צו וויסן דעם באַטייט,
צי איז עס ווירקלעכקייט, צי בלויז אַ מיף,
צי אַ קאַפּריז אויף אַ קורצער צייט.

אָוונט-צויבער, שקיעהדיקע פּראַכט !
די גאַנצע וועלט איז אין דיר פאַרהילט
און באַוועגט זיך רויִקער און זאַכט,
ווי פון זיך אַליין איינגעשטילט.

אָפּ דער טומל, און דער ברויז און רעש,
ווי אַ פויגעלע אויף רו צום נעסט
יאָגט זיך יעדערער אַ היים אין גאַס;
דאָ און דאָרט אַ פייערל דו זעסט.

עס צינדן לאָמפּן זיך. פול מיט ליכט
גאַס און געסל בלענדט און לייכט אַרויס;
און אין הימל שטערנדלעך געדיכט
כישופן אַראָפּ צו קליין און גרויס.

טראָפּישער פּאַרנאַכט — צעשמאָלצן גאָלד

טראָפּישער פּאַרנאַכט — צעשמאָלצן גאָלד
אויפן האָריזאָנט אין דרום־מערב זייט;
ווער האָט נאָך ווי איך אַזוי דיך האָלט
כּישופדיק לאַנד אין ווינטער צייט?

די מאַנגאָ־בוימער פאַרשאָטענע מיט צוויט,
אין זייער גאָלד ליגט פרילינגדיקע פּראַכט,
און כאָטש דער ווינטער שטעלט נאָך זיינע ערשטע טריט
דאָך האָבן זיי דעם פרילינג שוין געבראַכט.

און אויף זיי פאַרקוקן זיך גראָז און בלום,
און צעגרינען זיך מיט פולער זאַפט און קראַפט
און פאַרשיכורן מיט דופטיקן פאַרפום,
וואָס די מאַמע־ערד מיט ליבע שאַפט.

הימלען בלויע, קלאָרע, פולע טעג
מיט אַ זון וואָס גלעט און וואַרעמט מילד,
און אַ לבנה מיט שטערן אין געיעג,
ווער קען וויסן, צו וואָס זי שטרעבט און צילט?

ווי נעמט מען אָרעמס אויסצוציִען לאַנג,
איך זאָל קענען אַרומנעמען די וועלט,
צודריקן איר צום האַרצן מיט געזאַנג
און אויסקושן ווי אַ געליבטע וואָס געפעלט.

מיט יעדן טאָג וואָס עס גייט פאַרביי,
מיט יעדער נאַכט וואָס עס גייט אַוועק,
ווער איך דיר אַלץ מערער נאָך געטריי,
אַז עס האָט קיין מאָס ניט און קיין ברעג.

פרילינג מיינער אין ווינטערדיקער וועלט,
בליטן ציטערדיקע באַגאָסענע מיט טוי,
אַלע פאַרבן און קאָלירן מיר געפעלט,
און אַפילו די כמורנעדיקע גרוי.

ווייל צוזאַמען זענט איר אַ פרעכטיקער בוקעט
געשאָנקען פון גאָטס האַנט אַליין;
און פון מאָרגן־פרי ביז אָוונט־שפעט
איז מיר ליב מיט אייך אַרומצוגיין.

עסקימאָ־פּיי

עסקימאָ־פּיי איז לאַנג שוין פאַרביי,
אָבער דער נאָמען, היינט מיר נאָך קלינגט:
אַ מענטש מיט אַ קאַסטן, אויפֿן בויך, פון אייז,
ווי אַ קאַטרינאַרזש שפּילט און זינגט.

פון פאָרנט דער בויך פון אייז פריורט,
פון אויבן די זון מיט פייער פּלייצט;
דאָס העמד אויסצודרייען, פאַרשוויצט און פאַרשמירט,
ווי היץ און קעלט וואָלט מיט אים זיך גערייצט.

גאַס־איין און גאַס־אויס זינגט ער אַרויס:
עסקימאָ־פּיי, עסקימאָ־פּיי;
דער טאָג אַזוי שווער, אַזוי לאַנג, אַזוי גרויס,
כ׳וועל עס ניט אויסהאַלטן סיי ווי סיי.

די משא, די שווערע, בויגט דעם קאַרק,
דער פּאַס שניידט אין האַלדז ווי אַ שאַרף
און דרייט אויף זיין גוף, ווי איינעם וואָס וואַרגט,
און אין האַרצן וויינט אַ האַרף...

קומט ער אַהיים און פאַלט אַוועק
אויף דעם פאַרראָסטן, אייזערנעם בעט.
אַזוי אָפּגעפּינצטערט די ליכטיקסטע טעג
פון באַגין ביז אָוונט שפּעט,

און געשפּאָרט אַ סענט צו אַ סענט,
פאַר זיך, פאַר פרוי און פאַר קינד.
ווער עס באַרויבט אים, דער פאַרברענט
אַ מענטשלעכן לעבן אַצינד.

דער פאַסטעך...

ווייסע, געקרויזנטע, סטאַדעס שאָף
ציִען איבער די פעלדער פון הימל;
מען זעט ניט קיין פאַסטעך! —
איך זע — די שאָף ווי ער טרייבט...

שטילע זיך פאַשען, פון באַגינען ביז אָוונט,
פון מזרח צום מערב געפירט;
מען זעט ניט קיין פאַסטעך! —
איך הער — אויף דעם פייפל ער שפּילט...

סטאַדע נאָך סטאַדע געטריבן פון ווינטן
ערגעץ פאַרשווינדן אין נאַכט־האָריזאָנט;
מען זעט ניט קיין פאַסטעך! —
איך הער — אַ פאַרבענקטער ער זינגט...

נאַכט איז אַריבער און ווידער איז טאָג,
די שאָף ווי געצוואָגן אין ליכט זיך שפּרייט.
מען זעט ניט קיין פאַסטעך! —
איך זע — אין געבלענד ווי ער גייט...

דו ביסט אין ערגעץ דאָ

דו ביסט אין ערגעץ דאָ,
איך זוך דיך ניט אַרום.
איך ווייס, אַז אויך פון מיר
זינגסטו — כאָטש איך בין שטום...

און ניט פון מיר אַליין —
נאָר פון אַלץ אין וועלט;
ווער עס קען פאַרשטיין —
ביסט אים ניט פאַרשטעלט...

ער פילט אין יעדער זאַך,
אין דעם קלענסטן שטויב,
דעם געטלעכן באַריר
פון דעם מינדסטן דרויב...

און ווער עס זוכט דיך אום —
דער געפינט דיך ניט!...
ווייל אין דעם שורש ליגט
פאַרבאָרגן שוין דער צוויט...

און דער וואָס לעבט און ווייס
הויבט ער אָן פון זיך;
און ער פילט דיין זיין
אין זיין אייגן דיך...

און ער לעבט מיט דיר,
עס שרעקט אים ניט דער טויט;
ווייל דו, אַ טייל פון אים,
אין דער אייביקייט זיך שפרייט...

פרילינג ווינטן

פרילינג־ווינטן, פון בליטן פֿאַרשיכורט,
פון פֿאַרבן פֿאַרכישופט טאַנצן אַרום,
שפּילן אויף פּייפלעך פון אויסגעהוילטע צווייגן
אַזוי ווי דער פֿאַסטעך — פֿאַרחלומט, פרום...

דאָס איז די תפילה צו דעם באַשעפער
וואָס קיינער אים זעט ניט, קיינער אים הערט.
נאָר פלוצלינג דערפילט מען אין זיך אַזאַ בענקשאַפט, —
דאָס האַרץ עס ציטערט, און אויג — עס טרערט...

און ליפּן שעפּטשען, קוים צו באַמערקן,
אַ תפילה בלחש צום בורא פון וועלט;
און נאָך דעם דערשפּירסטו זיך לייכט, ווי געטובלט
אין קוואַלן פון קדושה, לויטער, באַזעלט...

און אַלע די בייזע מחשבות ,די שווערע,
ווי זיי וואָלטן דיך קיין מאָל געדריקט און געמאַטערט;
און אַלץ אַרום דיר — אַ טרוים, אַ כימערע...
שטיל ווי אַ טויב אין זון־ליכט פלאַטערסט...

פרילינג־ווינטן פון בליטן פֿאַרשיכורט,
פון פֿאַרבן פֿאַרכישופט דערפרישן די וועלט;
עס עפענען זיך קוואַלן פון נייע ניגונים,
וואָס זענען ביז איצטער געוועזן פֿאַרשטעלט...

אונדזער טאָג איז יונג און שיין

אונדזער טאָג איז יונג און שיין!
בלאָנדע שטראַלן אויסגעצוואָגן;
וויפל טעג איז מיר באַשערט
אָט אַזוינע צו פאַרמאָגן?

איבער ווייטן, הימל־בלאָ —
ווייסע טויבן־פלאַטער;
און דו זעסט זיך ניט אַרום —
אָוונט זינקט אַ מאַטער...

וואָלט זיך וועלן אָט דעם טאָג
לענגער צו פאַרהאַלטן;
פאַרשפּילסטו זיך מיט אים — און אויס! —
די זון האָט זיך באַהאַלטן...

איך זע פון ווייט דעם פּאַווע־קרוין,
דעם אָפּגלאַנץ פון איר פאַרבן־עק;
אַלץ וואָס איך האָב נאָר געטרוימט
איז מיט איר פון מיר אַוועק...

אונדזער טאָג איז יונג און שיין,
בלאָנדע שטראַלן אויסגעצוואָגן.
וויפל טעג איז מיר באַשערט
אין מיין לעבן צו פאַרמאָגן?

נעפּטונאַ

כוואַליעס לעבעדיקע בלומען —
בלאָנד, ברונעט, סאַטין, מולאַטע,
קערפּערס — לאַנגע טוליפּאַנען,
קעפּ — קנאָספּן אויפגעריסן,
פּיסלעך — וויגנדיקע שוואַנען.

אויגן — פייער־פונקען, פלאַמען,
ליפּן — צייטיקע צום קושן,
בריסט, ווי טויבן צו דעם הימל
רייסן זיך אַרויס צו פליִען,
פרויען־שטערן אין געווימל...

מענער שטייען אויף די ראָגן,
ווי די הונגעריקע וועלף,
פאַרוואַרפן זיי מיט קאָמפּלימענטן
אין אַ בלומען־שפּראַך פון ליבע,
פון פאַרצויבערטע מאָמענטן...

ציִען פעדים זיך פון בליקן,
שפּינען אויס דעם בלויען חלום
פון פאַרכישופטע דיוואַנען,
וועלכע שוועבן אין די הימלען,
ווי פאַרליבטע קאַראַוואַנען...

אָוונט, בענקשאַפט, הימל שקיעהט,
זון און אויגן זיך באַגעגנט. —
ווער איז פייער איז דאָ שטאַרקער,
וועלכער שטראַל איז מער צעגליטער
אין דעם פאַרביקן געוויטער?

פרויען־רייץ און יונגע בלוטן,
אַ פאַרפלייץ פון טראָטואַרן.
ס'האָט די זון אַראָפּגעגנידערט
אויסצוגליִען זיך מיט אַלע,
ווי דער חתן מיט דער כלה...

ווי אַ כוס די זון אין מערב,
אָנגעגאָסן פול מיט וויין
גאָט אין הימל איז מקדש
די וועלט פון די פאַרליבטע,
און פאַרשפּרייט אויף איר זיין שיין...

שיינקייט — איז אמת פון קערפּער

ג

שיינקייט — איז אמת פון קערפּער,
אמת — איז שיינקייט פון גייסט;
פוןביידן איין געטלעכער פונק
פון אַל דעם באַשאַף זיך באַווייזט...

שענקט ער דער פרוי אַ פּאָר אויגן
וואָס זענען פון הימל די פענצטער, —
בלענדעט ביי טאָג דאָרט די זון,
ביינאַכט — דער שטערן, דער גרעסטער...

טאָקט ער איר אויס אַזאַ קערפּער,
פון ווייסינקן מאַרמאָר — אַ פּראַכט! —
און פורעמט איר אויס אַ פּאָר בריסט,
וואָס האָט נאָך קיין קינסטלער פאַרטראַכט.

גיסט איר אָן פייער אין בלוטן,
שפּרייזט זי מיט פונקען אין טראָט,
און אַ מויל פון פערלנע ציינער,
וואָס נאָר דער ים אין זיך האָט...

שמייכלט — איז וועלט אין באַגינען,
לאַכט — איז אין מיטן פון טאָג,
אומעטיק — אָוונט־געשפּינען...
טרויערט — נאַכט און געקלאָג.

בליט אויף דער פרילינג אין איר —
ווערט וועלט פון איר שיינקייט פאַרבלענדט,
ווי דופט, ווי בלום און געזאַנג
צו איר נאָר, צו איר נאָר געווענדט...

שיינקייט — איז אמת פון קערפּער,
אמת — איז שיינקייט פון גייסט,
דאָס איז די קראַפט פון דעם מענטשן,
וואָס צו די הימלען אים רייסט...

ביים ים אין די אָרעמס

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ער טוליעט מיך איין אין די שוימיקע כוואַליעס,
וואָס לויפן פון ברעג צעקלאַפּט אָן די סקאַלעס
און דרייען ספּיראַליש אַזוי ווי אַ וויכער.

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ער גיט מיך אַ צי און אַ שלעפּ צו דעם תהום,
ווי ער וואָלט מיך פאַרשלונגען אין זיין ריזיקער טיף, —
און איך טויך אַרויס — ווי אַ בלום פון דעם שוים...

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ווי עס וואָלט מיך די מאַמע צום האַרצן געטוליעט,
אויף דער האַנט מיך געהאַלטן, געוויגט ווי אַ קינד
און אַ לידל געזונגען — צום שלאָפן געליולעט...

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ווי אַ לאָנקע דאָס וואַסער אין שטילן פאַרנאַכט
וויגט ווי אַ ליליע מיך איין אין זיין שויס,
און זון פון דערווייטן שקיעהט — אַ פּראַכט!

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
איך ליב זיינע טיפן אין סודות פאַרהילטע,
וואָס טראָגן מיט קדושה פון האַרצן דאָס שווייגן
פון גרונטן וואָס זענען אויף אייביק פאַרשטילטע...

ביים ים אין די אָרעמס שטיף איך יונגאַטשיש,
כאַטש זילבערנע סטרונעס דערמאָנען מיין יעסיען
דאָך, ווען איך צי אויס די אָרעמס, און גיב זיך אַ גליטשע
וויל איך פון אַלעם, פון אַלעם פאַרגעסן...

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ער וועט דאָך קיין שלעכטס, קיין שלעכטס מיר ניט טאָן!
קרעלן פון כוואַליעס מיט פּערל פון שוימען
צי איך אויף סטרונעס, ווי אויף פעדים, מיר אָן...

ביים ים אין די אָרעמס פיל איך זיך זיכער,
ער האָט מיך געבראַכט צו אַ רויִקן ברעג,
מיט אַן אייביקן פרילינג באַזוימט מיר מיין היים,
זינג איך מיר אויס מיינע נעכט און די טעג!

אַ שפּיל אַזאַ

כוואַליעס באַוועגלעכע בערג
שטיפעריש קומען צום ברעג
און גיבן אַ קנויל־אויף צוזאַם
פאַרלער פון יוגנט און פלאַם,
קערפּער צו קערפּער באַהעפט
מיידלש און יינגלשע ברוסט
ציטערט פון פרייד און פון גליק,
גיט צענדליקער פאַרלער אַ שלעפּ
ווי אַ געבונדענעם סנאָפּ מיט אַ שטריק...

איין כוואַליע אַוועק און באַלד קומט
אַ צווייטע, גרעסערע פון איר,
אַ הילכיקן, קוויטשיקן קול
פאַרשטומט .אַ פלייציקער באַרג,
וואָס שלעפּט מיט זיך אַלץ אַוועק,
נאָר די שווימער זיי האַלטן זיך פעסט
און קוועלן אַרויס פון דעם שוים
פאַרתאוהט צוזאַמענגעפּרעסט,
ווען זי לויפט צוריק שוין, אָן מאַכט,
צעקלאַפּט אָן דעם סקאַליקן צוים...

ווי שיין איז די שפּיל פון דעם ים
מיט מענטשן־געזינדל אין אים!
באַרגט און טאַלט מיט דער ווייל,
אַ הויב און אַ שלעפּ צו דער טיף;
און אַלע צוזאַמען אין גלוט
קערפּערס פאַרשוואַרצט און פאַרבראַנדזט
פאַרמעסטן מיט ים זיך אין קראַפט —
ווער וועט באַזיגן דאָ וועם? —
און אַ הילכיק געלעכטער אין רוים
פאַרחידושט דעם ים און פאַרגאַפט...

באַגינען אין ים

זי איז פון מזרח אַרויס,
און איך בין פון מערב אַריין
פאַרוואָרפן די אָרעמס אויף אים
און געשוווּמען אַנטקעגן דער שײַן,
מײַן פּנים האָט זיך צעשטראַלט,
פּונקט ווי די זון, ווי דער ים,
און מיר האָבן געפילט אַלע דריי
מיר זענען איין געטלעכער פלאַם...

איך האָב געזונגען אַ ליד
טיף פון האַרצן אַרויס,
די זון האָט פון אויבן געשמידט
פערזן שטראַליקע, גרויס,
און דער ים האָט מיט שוימיקן צוויט
געפורעמט פון פּערל אַ קרויז,
אָט אַזוי האָט אונדז זאַלבעדריט
פאַרבונדן אַ ניגונדל בלויז...

דאָך שטאַרקער איז ניגון געווען
ווי אַלע די ווײַטקייט פון רוים,
ווי אַלע די טיפקייט פון תהום
וואָס זענען אין סודות פאַרהילט,
ווײַל מיר האָבן אַלע דערפילט —
די זון, דער ים און דער מענטש —
מיר זענען אַן עכאָ ניט מער
פון אַ געטלעכער האַרפע וואָס שפּילט...

דאָס ליד פון ים

ריטמישע כוואַליעס, באַוועגלעכע פּערזן,
איינס הינטערן צווייטן פאַרציִען אַ ליד,
אַ פּערלנער ניגון פון טיפן פאַרשטומטע
אויף ימישע ליפּן שטראַלט און בליט.

שוימען די אותיות — צאַפּל פון לעבן,
ווערטער געצונדן אין זוניקן פלאַם
לאָזן פון ים זיך שורותווייז וועבן
ביז ער דערפילט דעם קלאַנג פון דעם גראַם.

כוואַליעס נאָך כוואַליעס — ריטמישע קלאַנגען
שטילע געזאַנגען, וואָס האַלטן געפאַנגען
הערצער פאַרבענקטע, פול מיט פאַרלאַנגען,
געפינען אַ טרייסט אין דעם ים פון געזאַנגען...

זיי זיצן פאַרחלומט — קוקן און שווייגן,
כוואַליעס נאָך כוואַליעס זאָלן פאַרבייגיין
און לאָזן אַ טראָפּן פון ניגון דערפילן...
און ווייטער — דאָס האַרץ וועט אַליין שוין דערשפּילן...

אַ גאָלדענער שטעג

אַ גאָלדענער שטעג —
און איך אין דער מיט!
מיט שטייפע בריסט
שנייד פאָרויס;
צעשמאָלצענע גאָלד
פרעגלט און זידט,
עס צאַפּלט פון יוגנט
מיין יעטוועדער גליד...

איך שווים און פאַרגעס —
אַלדאָס צער פון דער וועלט,
אַלדאָס פּיין פון דעם טאָג,
וואָס יעטוועדער האָט,
און איך דאַנק פאַר דער ווייל
פאַר דעם גליק פון פאַרגעס,
וואָס באַפרייט פון דער קייט
מיין געפּענטעטן טראָט...

באַזוימט פון גאָלד
פון גליק און פון ליכט
טראָגן מיך כוואַליעס,
צעשראַלטע אויף זיך;
איך קוק אויף דער זון
פאַרכלינעט אין שייַן,
דוכט מיר זי שפּיגלט
אויך אָפּ מיין געזיכט...

ים און זון —
און איך אין דער מיט,
גליקלעכע שעהען
פון פרייד אויף דער וועלט;
און ווען איך באַגעגן
פילט אויך ווי איך —
אַ זוניקע יוגנט
פון אַלעמען קוועלט...

וואַרפן מיר קלאַפּטער
און שניידן פּאָרויס,
עס גיט זיך דער ים
אונדז אונטער אין גאַנצן!
און אַפילו דער גרונט
העלט אין דער טיף
ווען מענטשן אין אים
גליקלעכע טאַנצן!

דער ליכטיקער נביא...

(צום הונדערט יאָריקן געבוירנטאָג פון דר. הערצל)

ליכטיקער נביא פון פינצטערער צייט,
אַ פונק פון דעם סנה האָסט געוואָרפן אין תהום.
אין האַרץ פון דער נאַכט צעשפּראָצט אַ באַגין,
אַ פאָלק האָט דערוואַכט איבער נאַכט מיט אַ טרוים...

ווייטער זאָל זיין ווי ביז איצט האָט קיין זין.
פאַר יעטוועדער חיה אַ שוצלאָזע רויב,
און פאַר דעם גאַנצן מענטשלעכן מין,
ווי פאַר דעם ווינט, אַ שפּילכל מיט שטויב.

נישטאָ איז קיין שליאַך, קיין וועלטישער טראַקט,
זאָלסט ניט זען דיינע קינדער, ווי ציגל און ליים,
מיט בלוט און מיט ביין, מיט פלייש און מיט מאַרך,
געפלאַסטערט פאַר פרעמדע וועגן צו גיין.

איצט מוז עס נעמען אַ סוף און אַן ענדע, —
איז געקומען דיין רוף, ווי אַ משיחישער שאַל, —
אויב איר ווילט — איז עס ניט קיין לעגענדע —
האָט אָפּגעהילכט דיין שטים איבעראַל.

פון שטויב און פון דרויב איז געוואָרן קאָנקריט.
פון גאַז, פון בלוט און פון פלאַמען — אַ ציגל.
אַזוי אויפגעבויט זיין היים האָט דער ייד.
און פריי פאַרן פאָלק איז טויער און ריגל.

זיי זענען געקומען פון אַלע פיר עקן,
פון הונדערטער פעלקער און לענדער צוריק;
און עס וועט נאָך פאַר אַלע, פאַר אַלעמען קלעקן
ערד און אַרבעט, און היימישער גליק.

שלום עליכם

(צום הונדערט־יאָריקן געבוירנטאָג)

די יידישע קינדער — א מתנה.

שלום עליכם, קינדערלער,
עליכם שלום, אייך אַלע!
ווייסט איר ווער ער איז געווען?
אַ ריזן־פעלז, אַ סקאַלע.

אַ ים פון הומאָר אין אים האָט געטיפט,
געשלאָגן אויף אַלענקע ברעגן;
יעדער וועל האָט לוסטיק געשטיפט,
פריש, ווי זון נאָך אַ רעגן.

וואַסערפאַלן, וואָס ווערן צעפּיצלט
אין אַ הילכיק געלעכטער;
ווערטער־שטראָמען וואָס האָבן געקיצלט
מיט אַ פרייד אַן עכטער.

שיינע־שיינדל, מנחם־מענדל,
קאַסרילעווקע, יעהופּעץ,
זייער שמייען, האַנדל־וואַנדל
פון חכמאַלניע ביז גלופּעץ...

האָט ער מייסטעריש פאַרשריבן,
טריי זיין פאָלק, און גלויביק.
ווער ס׳קען נאָר יידיש ליבן,
וועט אים ליבן אייביק.

לייענט, לערנט זיינע זאַכן
וועט איר זען וווּנדיירים,
איר וועט האַרציק לאַכן
פון זיינע מיליאָנערן — שלעפּיירים...

וועלטן, יידן, הערלעכע,
פון אויבן בלויז פּאַרמורזשעט,
ווי בליצלאָמפּן קלערלעכע
פון רויך פּאַרקורזשעט.

איר וועט העלער, שענער זען
זיך, און אייער אור־שטאַם,
אין דעם קליינעם ליכטל ברענט
די אייביקייט פון אור־פלאַם...

חיים דער מתמיד

(פון סווואַלקער בית מדרש)

אַ מענטש, אַ שטענדער, אַ ניגון,
צוזאַמען זיך וויגן
אין טונקעלן חלל
פון בית־מדרש
מיט שאָטנס פאַרהאַנגען —
דאָר, אַזויפיל געזאַנגען.

דער לעצטער אין אָוונט מיט שטערן
זינגען אים הערן.
אפשר קענט איר דערקלערן
פון וואַנען דאָס זיין, דאָס ווערן,
דאָס אייביקע ליכט צו פאַרמערן ?

פון אָרעמען געסל.
דער טאַטע אַ שניידער.
און אים איז ליב
נויט און הונגער
מיט תורה פאַרדעקן,
פאַר אַלע זאָל קלעקן.

גמרא פון אויגן,
בלעטער און בליקן,
צוזאַמענגעפלאָכטן
געוועבן, געשטריקן,
מיט פונקען פון גלויבן
וואָס רייסן, דערהויבן.

ווינגט זיך דער ניגון
פאַרטרויערט, פאַרצערט
פון האַרצן אַרויס,
אין בית־מדרש פאַרשפּאַרט.
האָט אים דאָ עמעצער
ווער פאַרנאַרט ?

רייסן די טענער,
רופן און בעטן,
לאַשטשען און גלעטן,
וואָס איז דער מיין ?
דעם אמתן זין
קען נאָר אַליין
חיים דער מתמיד
פאַרשטיין.

די שכינה שטייט ווידער ביים כותל

די שכינה שטייט ווידער ביים כותל
אין איר געטלעכן געשטאַלט,
מיט יידן וואָס זיינען מתפלל
בציבור, יונג און אַלט.

טויזנטער יאָרן געשלעפּט זיך
מיט יידן אין גלות, אין וואָגל,
געקליבן בלוט און טרערן
אין דעם אומענדלעכן לאָגל.

און איצטער געבראַכט אים צום כותל,
ער פלאַקערט, אַ ליכטיקער פייער,
וואָס ברענען וועט ווי אַ נר־תמיד,
און האַלטן דאָס פאָלק וועט אים טייער.

זי האָט צעפּליקט איר קלייד
פון צוויי טויזנטיעריקן טרויער,
פאַרהילט אין בלענדיקע שטראַלן,
אויפן האַלדז — אַ שטערן אַ בלויער.

אויף די לענדן אַ גאַרטל פון גבורה,
פון יידישע זין און טעכטער,
מיט דער גאולהשער בשורה:
צו בלייבן דאָ אייביקע וועכטער.

זי האָט מיט פאָלק זיך פאַראייניקט,
פאָלק און גאָט איז איין אחד,
עס שאַלן די שופרות אין הימל,
מיר הערן פון ווייטן דעם עכאָ.

די שכינה שטייט ווידער ביים כותל,
מיט איר שטייט אַ פֿאָלק איצט צוזאַמען,
ווי אַמאָל נעבן הר־סיני —
קולות־וברקים און פֿלאַמען...

האַוואַנאַ, 12 יוני 1967

כ׳גיי מיט ליכט

כ׳גיי מיט ליכט
צינד און העל,
און באַזועל
אויף יעדן שוועל,
ווו איינער שטייט
ווו איינער גייט,
און פאַרשפּרייט —
מוט און פרייד.

ווערט מיין מחנה
ברידער גרעסער,
דורכגעלויכטן,
ליבער בעסער;
און מיר גייען
און פאַרזייען
מוט און גלויבן
איבער אַלע
פינטצערע אַלייען.

גאַס און געסל
אויפגעלויכטן,
אויפגעצונדן
אין אַ רונדן
קויק פון ליכט.
ווער דאַרף פאַקל?
ווער דאַרף פייער?
אַז די שכינה רוט
אויף יעדערנס געזיכט.

גייען מיר
בטחונדיק,
יאָכנדיק
דערהויבענע,
ברידערלעך
געשלאָסענע
מיט הערצער
אין איין רונג.

און זינגען זיך
אַ ניגונדל,
פֿאַרשיכורט,
אַ צעצויגענעם,
און יעדער פילט
ווי אַן אייגענעם
דעם געטלעכדיקן
זונג.

הללויה

הללויה, הללויה,
פאַר דעם לעבן שטילן:
אַ וואַסערל, אַ קלאָרער,
מיט קוואַליקע געפילן,

שלאָגט פון די טיפן
מיט אַ ניגון אַזאַ ריינעם;
אַ לויטערקייט אַ זיסע
ניט באַרירט פון קיינעם.

אַ ברכה, אַ תפילה,
אויף קינדערישע ליפּן,
אַ האַרציקע גוטסקייט
מיט אייביקייט פאַרקניפּן.

שלום און שלוה —
צונויפגעוועבט צוזאַמען,
אויף קיינעם ניט ברוגז,
קיינעם ניט פאַרדאַמען, —

שטראָמען איינגעליוּליעט,
פאַרוויגטע אין אַ וויגל,
די שכינה ווי אַ מאַמע
וויגט מיט אירע פליגל,

ליוּלינקע מיין וועלטל,
ליוּלינקע מיין קינד,
מיר פאַר דיינע ביינדעלעך —
ווויל איז מיר אַצינד.

חלום, חלום,חלומל,
טרוים פון טרוימען־לאַנד,
וועק ניט אויף, ווייטער פיר,
ווייטער מיט מיר שפּאַן.

איילעליולע ליולינקע
איילעלו־יה!
נאָך אַזוי אַ ווײלענקע
זיי מיט מיר דאָ...

אויב ס'איז דאָ אַ זין

אויב ס'איז דאָ אַ זין
אין אונדזער גאַנג,
איז דער געזאַנג
צו ליכט, וואָס רייסט
און קוואַלט פון טיף
און ווייזט
דעם וועג פון לעבן.

מיר קומען נישט
גלאַט אַזוי,
אַדורכגעפלויגן
און פאַרשווּונדן.
מיר זיינען צוגעבונדן
מיט טויזנט פעדעם
צום באַשאַף.

אַלץ אין אונדז
שלאָגט צום ציל,
האַרץ, געפיל,
לייב און לעבן,
שטרעב און וויל
אין דער שטיל
ווייטער וועבן,

ווי דער גראָז,
ווי דער בוים,
ווי די בלום
רונד אַרום,
קוק זיך אום,
זע
און שטום!

װוּנדער װעלט,
װוּנדער דו,
װוּנדער רעש,
װוּנדער רו,
אַלץ דערנענטערט
זיך צו אײנס :
װעלט, דו, רו...

פון איר פּנים בלומט אַראָפּ דער שמייכל

פון איר פּנים בלומט אַראָפּ איר שמייכל,
פון אירע אויגן בליצט אַרויס דער בליק,
און זי אַליין — אַ מאַיעסטעט אין היכל
שוועבט אַרום צום ריטם פון מוזיק.

אירע גלידער זיינען לאָגלען כּישוף,
אָנגעגאָסן פול מיט לעבנסלוסט,
ווי אַ בוים זיינע בלעטער גיט אַ מיש אויף,
און אַנטפּלעקט די פּרוכט וואָס ניט געוווּסט.

ציען זיך צו איר די אַלע קוואַלן,
וואָס בענקען פון דער טיפעניש אַרויס,
זי זאָל מיט איר שמייכל זיי באַשטראַלן,
און אָנפילן מיט ליבע זייער כּוס.

און זי אַליין, אין אומשולד אין ריינער,
באַוועגט זיך פריי ווו זי דאַרף און וויל,
ווייס גאָרניט, אַז דורך איר, ניט איינער
בלאָנקעט אום פאַרשיכורט אין דער שטיל.

פון שטאַבין ביז האַוואַנא

פון שטאַבין ביז האַוואַנאַ,
איז פאָלג מיך אַ גאַנג!
כ'האָב אַ שטיק פון מיין לעבן
שוין אַדורכגעשפּאַנט.

און וואָס איז ווייטער?
ווּ וועל איך דערגיין?
ערגעץ יאָגט אַ רייטער,
ער רייט אויף אַליין.

איך, מיט שטילע טריט,
גיי דער נאַכט אַנטקעגן.
איך וויל קיינעם ניט,
קיינעם גאָרניט פרעגן.

נאָר אַזוי ביים שוועל
ווי אַברהם אָבינו
וואַרטן אויף די געסט
פון כנפי השכינה.

זאָלן ברענגען אַ טרייסט
פאַר דעם זון פאַרגאַנג,
און מיטזינגען מיט זיי
דעם לעצטן אויסגעזאַנג...

כ׳גיי אַרום, אַ בלום צווישן בלומען

כ׳גיי אַרום — אַ בלום צווישן בלומען,
שימעריר אין צויבער פון קאָלירן.
די לופט איז שיכור פון כל־ערליי פּאַרפומען,
וואָס נאָר אַ בלום ווייס זיי צו געבירן...

כ׳אָטעם־איין פרילינגדיקע געבליטן,
ס׳ווערט מיין ברוסט אָנגעפילט מיט לעבן.
און כאָטש איך שטיי אין דעם גאָלדן מיטן,
פיל איך זיך אין באַגינען איינגעוועבן...

שלאָגט פון האַרץ אַזויפיל בלויער גלויבן
אין טעג פון ליכט, פון זון, פון העלער אויף,
און אַלע ספקות ווערן ווי צעשטויבן
פון כוואַליעס בליענדיקע אין לויף.

כ׳בין אַ טייל פון אַ וועלט פון שלום.
און שלום, שלוה הערשט אומעטום,
ס׳גלויבט זיך ניט, ווי זיין וואָלט עס אַ חלום,
דאָס איז אָבער, די ווירקלעכקייט פון בלום...

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל...

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל, היימישע כלי־זמרים,
וואָס זאָל זיין אַדורכגעוויקט אין פרייד־באַטעמטן טרויער
פון דורות יידן אויסגעטאַנצט אין שטיבעלעך, ווי אָרעם,
דאָך אַזוי עשירותדיק, פון אייביקדיקן דויער.

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל, היימישע כלי־זמרים,
כ׳הער דאָ בלויז שפּילנדיק פרעמדע מוזיקאַנטן;
און אויף אַלע שמחות — גריזשעט מיך אַ וואָרעם: —
פאַר וואָס האָבן מיר אַליין פאַריאָגט דעם ניגון, דעם באַקאַנטן?!

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל, היימישע כלי־זמרים,
חתן־כלה פירט מען היינט מיט דעם מאַרש פון קירכע
כ׳ווייס ניט צי אין מקום־קדוש אויפשפּילן מ׳טאָר אים —
אויב ער איז ניט פּסול־טריף — זיכער איז אַ סירכה...

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל, היימישע כלי־זמרים,
דורות גאַנצע פרייד אין לייד ליגט אין אים פאַרשלאָסן;
און אויב איר קענט און ווייסט ווי אַזוי אויפצושפּילן קלאָר אים,
וועט איר באַמערקן אַלע אויגן — זענען פון טרערן אָפּגעגאָסן...

שפּילט מיר אויף אַ ניגנדל, היימישע כלי־זמרים,
טאָג און נאַכט איך ווער פאַרפלייצט פון פרעמדע, כישוף־קלאַנגען,
און ווען אַמאָל צום אייגן קוואַל עס ציט מיך גיין, געוואָר אים,
דוכט זיך מיר, אַז ער איז אויך, פון דער פרעמד געפאַנגען...

אַ לויכטנדיקער פונק...

יעדע ווייל איז אַ פונק, אַ ליכטיקער פונק
פון לעבן אין דער פינצטערער נאַכט;
גליקלעך איז דער, וואָס האָט פונקען אַ סך
פון זיין לעבן ליכטיק געמאַכט...

ביי דעם איז זיין הימל מיט שטערן באַלויכטן.
די נאַכט איז אַ כישוף. דער טאָג איז אַ בלענד.
און אַלץ וואָס געווען איז אַ גליק אַ דערגרייכטן,
יוגנט און עלטער — פאַרברידערטע הענט...

דער הערבסט האָט זיין שיינקייט, כאָטש ווייט איז פון פרילינג.
דער ווינטער האָט בלומען און שטערן פון שניי.
דער טויט און דאָס לעבן איז ווי אַ צווילינג,
וואָס איינער קומט שפּעטער נאָכן צווייטן אין ריי...

אין וויג פונעם קינד וויגט טויט זיך און לעבן,
איין מאַמע האָטביידן אויף דער וועלט זיי געבראַכט.
געבענטשט איז דער, וואָס קען זיך פאַרוועבן
צו בלייבן אַ שטערן אין דער אייביקער נאַכט...

עפן פאַר מיר אויף די טויערן פון שירה

עפן־אויף פאַר מיר די טויערן פון שירה!
כ׳וועל אַרויסנעמען מיין ציטערדיקע לירע,
און פּרובירן עפּעס אויף איר שפּילן
צו פאַרטרייבן דעם אומעט פון די גרילן...

כ׳וואָגל דאָ אַרום צווישן טויב־שטומע,
קיינער דאַרף מיין ליד, מיין ליד ניט האָבן
כאָטש נעם און דערשטיק אים אין דער ברוסט,
אָדער ווער מיט אים אַליין באַגראָבן...

און עס ווילט זיך, און עס פילט זיך אַזוי זינגען!
האָסט אַזויפיל קלאַנגען און ניגונים,
וואָס קענען גאַנצע וועלטן נאָך פאַרקלינגען,
און דו זאָלסט איבער זיי — אַ גלאָקן־צינגל — שווינגען...

און צעכוואַליען אָט די קלאַנגען און צעוועקן,
אַלע זאָלן אויפוואַכן מיט דיר,
פאַר אַלעמען אַ סאָלאָ־סטראָף זאָל קלעקן
אין דעם ברידערלעכן, איינוועלטלעכן שיר...

תנ״ך

תורה, נביאים וכתובים — תנ״ך —
פון עם־הספר דער ספר־הספרים.
אין גרויען באַגין אַ פֿאָלק האָט דערוואַכט
אין אַ ליכטיקן געטלעכן פֿאַרעם.

פון דאָרן אין מדבר — אַ וועקעריש קלאַנג
רופט שקלאַפן פון דער נידער דערהויבן
און אויף דעם סיני — פון גאָט אַ געשאַנק:
פֿאַרן אייביקן פֿאָלק, אַן אייביקן גלויבן...

שמידט אויס די תורה אַ פֿאָלק אין אַ לאַנד,
און ווייטער פֿאָלירן נביאים די אומה;
נאָך אַלע חורבונות — פון נעראָן ביז היטלער —
געגעבן אונדז קראַפט צו האָבן אַ תקומה.

און וווּנדער פון וווּנדער — אַ מיעוט אין וועלט,
טראָגט זי דאָס ליכט איבער צייטן און לענדער,
מיט זין, מיט קדושה, מיט גלויבן באַהעלט
פון דעם אייביקן פֿאַקל — תנ״כישע בענדער.

נישטאָ איז קיין ווינקל, קיין הויז, קיין געצעלט,
אויף אַלע לשונות פון מענטשלעכער שפּראַך.
אויב ניט אין גאַנצן איז טיילווייז צעהעלט
אין טונקעלן מוח — דאָס ליכט פון תנ״ך.

די קדושה פון ליבע פון שיר השירים,
דער יושר און אמת פון ישעיה און עמוס,
דער אייביקער חלום פון מענטשן פֿאַרברידערט
פון דער נבואָה — וגר זאב עם כבש.

די חכמה פון משלי, די טיפקייט פון תהלים,
די טראַגיש־גרויזאַמע פּיין פון איוב,
דער הבל הבלים פון אַלץ אין קהלת —
פון פרייד און פון לייד — איין גזר און איין חיוב...

אין מדבר פון וועלט האָט אַ קוואַל זיך צעעפנט.
עס שפּרודלט מיט חיות — דער ספר הספרים ;
און ווער עס טרינקט פון זיין חכמה און וויסן
גיסט ער זיך איבער אין אַ געטלעכן פאָרעם...

גראַדואירונגס-ליד

(געווידמעט דער אויסאָנאַמער
שול ביים יידישן צענטער)

היינט איז דער טאָג אַ יום־טוב,
היינט איז דער יום־טוב פון פרייד!
עס האָט אונדז געלערנט די שול,
ווי יידן צו לעבן זיין גרייט!

מיר זיינען אַן אַלט פאָלק,
אַלט — און אייביק דאָך ניי!
רייך מיט פרוכט — ווי סעפטעמבער,
שמעקט און בליט — ווי מײַ.

עס האָבן אונזערע אָבות
מיט טויזנטער יאָרן צוריק,
די געצן, די געטער צעשמעטערט,
און געפונען צום הימל אַ בריק!

געוויזן אַז גאָט איז נאָר איינער,
עס קען אים קיין מענטש גאָרניט זען,
און דער וואָס האָט אים אין האַרצן —
היט די געבאָטן, די צען...

מיר האָבן אַן אוצר — די תורה,
די נביאים, די גייסטיקע ריזן!
קיין פאָלק אויף דער וועלט האָט ביז איצט
אַזעלכעס צו שאַפן באַוויזן.

מיר לעבן שוין טויזנטער יאָרן,
דאָך זיינען מיר שוואַך ניט געוואָרן! —
און אפשר אין דעם ליגט דער צאָרן —
דער סוד פון דעם פלאַמיקן דאָרן...

קיינער וועט אים ניט פאַרלעשן,
אייביק וועט לייכטן און ברענען,
ביז זיי וועלן אין אונדז
דעם געטלעכן פייער דערקענען.

דאַן מער שוין ניט שלאָגן,
שטיקן און ברענען דעם יידן,
און מענטש מיט מענטש וועט לעבן
רויִק אין שלום, צופרידן.

און פאָלק קעגן פאָלק וועט ניט הויבן
קיין שווערד, קיין ראַקעט, קיין אַוויאָן;
קיין שטעט און קיין לענדער צעשטויבן
דורך אַן אַטאָמישן באַלאָן!...

פרידן די וועלט וועט פאַרנעמען,
פרידן און פריידן צוגלייך,
ווי אַ טרוים וועט דאָס לעבן זיך וועבן,
ווי אַ שטילער, ריזלענדער טייך...

כ׳טראָג מיין יוגנט ווי אַ קרוין

כ׳טראָג מיין יוגנט ווי אַ קרוין.
כ׳האָב עס ניט אויף גאָלד צעביטן,
ניט צעטרענצלט עס פאַר לוין,
זיין אַ שקלאַף האָב אויסגעמיטן.

כ׳בין געוועזן פויגל פריי,
און פויגל־פריי איך האָב געזונגען;
פאַר ד׳עם איז איצט דאָס לעבן ניי,
און כ׳אָטעם פרייד מיט פולע לונגען.

אַז יעדער גראָז איז גאָטס געשאַנק,
און יעדע בלאָט פון בוים אַ צירונג,
און יעדער בלום איז אַ געזאַנג,
און עס באַגליקט זייער באַרירונג...

איז ווו איך זאָל ניט שטעלן טראָט
טרעף איך וועלט אין פרייד געבאָדן;
און מיין הימל אייביק בלאָט
פול מיט ליבט־שטראַלן געלאָדן...

פאַרצי אַ ניגון

פאַרצי אַ ניגון, אַ זיסן אַ שטילן.
כ׳ווייס ניט פון וואַנען ער ציט זיין יניקה
פון פעלדער פון קאָרן, פון גערשטן, פון האָבער,
צי פון קאַרטאָפל, פון הירזש און פון גריקע ?

ער אָטעמט מיט רחבות פון צייטיקע פליינען,
פון זאַנגען געבויגן אין רייפקייט פון זומער,
ווען אַלץ רונד אַרום וויל פאַרפּוצן, פאַרשיינען
און דער מענטש שטייט פאַרחושט, פאַרחמט ווי אַ שטומער...

ער ווייסט ניט פון וואַנען עס קומט אַזאַ גדולה
צו אַ שטרויענעם זאַנג, צו אַ פּיצעלע קערן,
און אויב שוין אַפילו די לוסקע איז אַ פולע
דאַרף מען אַזויפיל וועלטן צו קערן ?..

אָרעמער מענטש ! ער קען ניט באַגרייפן
די פרייד פון באַשאַפונג, די פרייד פון צו ווערן,
דעם סוד פון יצירה, פון וואַקסן און רייפן
וואָס זינגט אַרויס אַן איינצלנער קערן...

באַגרינט מיר שטראַלן

באַגרינט מיר שטראַלן ווי גראָז און בוים,
כ׳וויל פילן און בליען ווי פרילינג;
אויב עס שאַפט לייד דאָס געבורט פון אַ טרוים
בין איך צו ליידן אויך וויליק.

דער טרוים איז מיין לעבן. און אַלץ אין אַרום
אָן אים וואָלט געווען ווערטלאָז, אָן זין,
ווי איינער וואָס איז פון געבוירן טויב־שטום,
ווי אָן אייביקע נאַכט אָן אַ שטראַל פון באַגין.

דער טרוים איז מיין לעבן און מערער פון אים.
און ערגעץ אַן עכאָ דערגיין פון מיין שטים
ער וועט זיך וועבן ווען איך וועל ניט זיין,
וואָס איז אין טרוים אין גאַנצן מיין.

טרוים מיינער לעבן, לעבן מיינס טרוים!
פאַרבינד מיך מיט פרילינג ווידער צו בליען,
אויפגיין ווי פון דער ערד אַ זוים,
מיט נייע בליטן צו דער הויך זיך ציען.

באַגרינט מיך שטראַלן ווי גראָז און בוים,
און זאָלן מיר אַלע דעם פרילינג באַנעמען,
ווי אַ ליכטיקע כוואַליע מיט בריליאַנטענעם שוים,
וואָס קומט צו פאַרשווענקען אין האַרצן די קלעמען.

עפן אויף פאַר מיר די טיר...

עפן אויף פאַר מיר
אַ שמאָלע עפענונג, אַ טיר,
וואָס זאָל מיך פירן
צו פאַרשטיין,
וואָס קומט פאַר רונד אַרום?
עפּעס פיל איך און שפיר,
אַז סתם אַזוי —
מיר—ניט—דיר —
איז עס געוואָרן פון זיך אַליין —
שיינט צו זיין עס קרום...

עפן אויף פאַר מיר די טיר
און אויב ניט — כאָטש אַ שפּאַלט,
צי אַ שפּאַרון,
וואָס זאָל פירן מיך
צו אַ שפּור פון ליכט.
כ׳ווייס עס שטראַלט
פון יעדער זאַך,
אַן אייגן פונק,
אַן אייגן גלי,
איז עס אַ טייל פון זיין געזיכט?

עפן אויף פֿאַר מיר די טיר
און פֿיר מיר אין דעם לאַבירינט,
ווו סוד פֿאַרפּלעכט זיך מער מיט סוד —
מען רופֿט עס אחד, מען רופֿט עס גאָט.
אַלץ פֿאַראייניקט אין דעם איינס,
וואָס איך האָב ניט קיין באַגריף,
צו פֿאַרנעמען, צו פֿאַרשטיין,
און עס איז ניטאָ קיין שריפֿט,
צו דערקלערן אָט דעם מיין
פֿון דעם איין און איינציק איין...

לידער זיינען שטערן-בלענד

לידער זיינען שטערן־בלענד,
לידער זיינען צויבער־שטראַלן.
לידער קענען זיין געווענדט
צו פאַרצוקונג פון שאַקאַלן.

לידער זיינען — מאַרגן־גלי,
לידער זיינען — פרייהייטס־שאַלן,
און אַ מאָל — אַ פיינלער־פלי
צו גרויזאַמע כּף-הקלן.

לידער זיינען יוגנט־טרוים,
לידער זיינען ליבע־פלאַמען,
און אַ מאָל איז עס אַ זוים,
וואָס קען אַ גאַנצע וועלט פאַרסמען.

לידער זיינען ריין און קלאָר,
טיף פון האַרץ אַרויס געבוירן,
דאָך אַ מאָל נישט איין דור
האָט זיין לעבן אָנגעווירן.

לידער זיינען יוגנט־פאַנג,
לידער זיינען קוואַלן־גלויבן,
און נישט איין מאָל דאָס געזאַנג
טוט פאַרהילכן און פאַרטויבן...

פרייד און גליק, געזאַנג פון לעבן,
לידער זיינען גאָטס־מתּנה,
דאָך, אַ טייוולשע כּונה
זוכט מיט טרויער עס פאַרוועבן.

לידער זיינען טיפע קוואַלן,
פון ריינע גרונטן קרעפטיק שלאָגן,
נאָר פּלוצלונג ווערן זיי פאַרפאַלן
אין שוואַרצער נאַכט, אַנשטאָט צו טאָגן.

לידער זיינען די באַגלייטער
פון אורוואַלד דעם מענטשן,
פריער, שפּעטער, ווען אַלע —
די באַגלייטער בענטשן.

שיר השירים לישראל...

אויף דעם בלויען פידל פון ים כנרת
מיט דערשטוינטן בליק — אַן אַנגעצויגענער סמיק —
האָב איך אויפגעשפּילט אַ שיר־השירים צו דעם בורא פון ישראל,
צו די הענט מיט מאַזאָלעס, צו די פיס פאַרשטויבטע באָרוועס,
צו קיבוצים און קבוצות : — יידן פון דער וועלט געקומען
באַדעקן דיינע בערג און טאָלן מיט אַ ים פון גרינס און בלומען.

פון דער טיף פון בלויען חלום איז אַ ניגון אויפגעגאַנגען.
און די בערג, די גרין־פאַרטרוימטע, האָט ער מיט זיין קלאַנג
געפאַנגען.
און דער תבור מיטן חרמון מיטן עצמון און דעם כנען
האָבן זיך די הענט געגעבן און צעטאַנצט זיך רונד־אַרום,
ווי חסידים מיט התלהבות אין פייערדיקן ברען.
איך האָב אין זייער טאַנצן גאָטס טראָט געזען...

טבריה, צפת — אַלטע קדושה־שומרים —
פעלדזן־פעסטע וואָרצלען פון דער אייביקייט,
טראָגן אין זיך סודות פון יאָר טויזנטער
פון קבלה און רמזים פון דער געטלעכקייט,
און עס שרייט אַרויס פון די פעסטונג־וואַנט
נייע גבורה, סופער־העלדישקייט...

מיטן שפּראָץ פון טאָג, מיט דער זון צוגלייך,
גייען קינדער דיינע אין דעם פעלד אַרויס,
און די גרודעס ערד, פריש און צאַפּלדיק,
ווי דער טראַקטאָר־יונג, וואָס האָט אויפגעוועקט
זי פון האַרטן שלאָף פון צעטריקעניש,
צו אַ לעבנס-לוסט, צו דערקוויקעניש.

פייערט אַפּ די זון און דער אָוונט קומט,
מיד פון אַרבעטן גייען זיי אַ היים
איבער סטעזשקע דין אויף אַ רחבות פעלד,
ווו עס גרינט און בליט און עס זינגט און בלומט.
און פון האַרצן טיף רייסט זיך אַ געזאַנג,
און עס זינגט מיט זיי מיט די גאַנצע וועלט.

אַפּגעטושטע, גייט מען ברידערלעך
צו דעם אָוונטברויט אין דער קיבוץ־קיך;
יעדער איינער עסט פון זיין אייגן שווייס,
פון זיין אייגן מי, קיינעמס ניט גערויבט.
איז דער ביסן זיס, און די וואַסער — ווין,
כאַטש ניט איין מאָל פאַלט דאָרט אַ טרער אַריין.

נאַכט — אַלץ רוט, שלאָפט, בלויז דער הימל וואַכט
מיט זיין שטערן־ליכט איבער באַרג און טאָל,
און אַ יאָמער רייסט פון שאַקאַלן־וואָי —
אַ פיינלעכער געוויין פון אַ קינדער־קול,
און אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אַ געקנאַל פון שטאָל,
אַ שניידיק־הילך פון אַ ביקסן קויל.

פרייד מיט צער געמישט ווי ביי יעדן געבורט,
לעם דעם אַקעראייזן מיטן ביקס געגורט.
און ניט איינער פאַלט אין דער רייפסטער צייט,
מיט זיין הייסן בלוט טרינקט ער אָן די ערד.
דאָך איז יעדער גרייט וואַרפן זיך אין שטרייט
עס זאָל ישראל־לאַנד מער ניט זיין צעשטערט.

שווייץ און פראַנקרייך

זשענעווע...

אַ ליכטיקער זייל פון וואַסער אַרויף,
אַ שרויף, וואָס עגבערט דעם הימל,
אַ נאָדל די דין, אין געאייל אין געשפּאַן,
שניידט דער פאָנטאַן דיינער — לעמאַן!

כ׳שטיי ביי דיין ראַנד, פאַרגאַפט און פאַרטרוימט,
קוק ווי די כוואַליעס זיי יאָגן;
טראָגן זיי סודות אין זיך איינגערוימט?...
ווען איך קען די סודות פאַרמאָגן!...

וואָלט איך דאָך לידער געשריבן פון זיי: —
פון געניעס, פון קינסטלער, פון דענקער,
וואָס האָבן ביי דיר געפאָרשט אָט דעם סוד,
דערגאַנגען!... — און געבליבן אַלץ קווענקלער...

וואָס יאָגט איר? וואָס לויפט איר? וואָס איז דער געאייל?
וואָס טרייבט אייך? וואָס וועט איר פאַרשפּעטן?
אָט שווימען די שוואַנען, לאַנגזאַם מיט ווייל,
רויִק די כוואַליעס זיי גלעטן.

כ׳שטיי און איך חלום, כ׳ווייס ניט פון וועמען
זאָל איך זיך לערנען צום לעבן: —
צי פון די שוואַנען, וואָס דאַכט זיך זיי שעמען
זיך, מיט זייער שטילן און רויִקן שוועבן?

צי פון די כוואַליעס אימפּעטדיק־זיד,
וואָס שניידן די זיילן פון בריקן? —
אַזביידע באַווירקן צוגלייך מיין געמיט —
די רו און דער רעש מיך דערקוויקן...

מענטשן און בלומען אין גרינסן פֿאַרטונקט,
פרידעלכע, שטילע זשענעווע ;
מיר דאַכט זיך איך בין דאָ פֿאַרטראָגן געוואָרן,
ווי פון אַ ווינט, אַן איינזאַמע פלעווע...

דאָך פיל איך, אַז בענקען כ׳וועל בענקען נאָך דיר,
פֿאַרחלומט, פֿאַרטרוימטע זשענעווע !
אַזוי ווי עס בענקט נאָך דעם ברעג, ווייט אין ים,
אויף אַ שיף, אַ פֿאַרבלאָנדזשעטע מעווע...

אַ שפּאַציר צו אינטערלאַקען

מיר זענען געפאָרן שפּאַצירן איבער דער שווייץ,
עס האָבן די אַלפּן באַגריסט אונדז, געלאַקט;
אין האַרץ האָט אַ פרילינג צוריק אויפגעטאָגט,
כאָטש ס'האָט יעדער איינער פון אונדז זיין זומער פאַרמאָגט...

ווי קינדער מיט לידער, אין אַ ים פון געזאַנגען,
מענטשן, נעכטן נאָך פרעמדע, און היינט, ווי מיר
וואָלטן צוזאַמען אין חדר געגאַנגען,
רוסיש, פויליש, דייטש, העברעיִש, יידיש און שפּאַניש,
ווי אַ קנויל פון ניגונים וואָלט אונדז געהאַלטן געפאַנגען.

שטעטלעך — צויבער־לעגענדעס, טרוימען אויף בערג
און אין טאָלן,
כ'ווייס ניט ווער ס'האָט זיי געשאַפן, כ'ווייס ניט ווער
ס'האָט זיי געמאָלן;
און שלעסער אין סודות פאַרהילטע מיט טורעמס
וואָס שניידן אין הימל,
ווער ווייסט וויפל ליבעס, טראַגעדיעס, איז פאַרקריצט
אין די ווענט, אין דעם שימל?...

אַלפּן ווי ריזיקע זיילן שפּאַרן אונטער דעם הימל,
באַוואַלדערט, אין גרינסן פאַרהילט, מיט דינינקע פערעלעך שנירל,
פון שטראָמען וואָס לויפן פון זיך, ווי עמעצער וואָלט
זיי דאָרט יאָגן,
און פאַלן אַראָפּ אין דעם טאָל, ווי אַלע געפאַלענע קלאָגן...

מיר שניידן די קערג פון די בערג, די זון, זי בריט און זי בראָט.
עס גיט זיך די לאַנדשאַפט אַ שפּרייט מיט אַל די ברכה פון גאָט:
וויינגערטנער — פון טעראַסן אַ קייט; מיט סעדער
פון צייטיקע פרוכט,
און גאָרבן אין סטויגן צעלייגט, מיר קוקן אויף אַלץ מיט ערפורכט...

עס האָט אונדז דער לעמאַן באַגלייט מיט אַ פאַרבאַרגענער פרייד,
און דער טונער און ברינזער האָבן פאַרכישופט געשפיגלט
אַ טיפע, בלויע רו, דעם פלאַך מיטן אָפגרונט פאַרזיגלט,
צופוסנס דער „יונגפרוי״ און „מענטש״, פאַראייניקטע
ליגן צעשפרייט.

אייביקער חלום פון ווייס ,אייביקע שניי־קעפ באַקרוינטע!
מיט ברילִיאַנטן פון הימל־קריסטאַל, ווו קיין ערדישער שטויב
וועט ניט פאַלן,
און די זון זיך שפיגלט אין זיי — און עס ווערן פון דעם וואַסערפאַלן
וואָס לויפן אַראָפּ אין גאַלאָפּ, ווי שנירלער פון זוניקע שטראַלן.

כ'האָב ניט די זכיה געהאַט איבער אייערע הויכן צו שפאַנען,
כאָטש עס פירן צו אייך, הענגנדע, פליִענדע באַנען,
דאָך איך האָב פון אונטן אַרויף אין דעם בליאַסק זיך געשפיגלט,
אייער הימל־ערד צויבער און בלענד, אין מיין האַרצן פאַרזיגלט...

די בערג פון דער שווייץ

די בערג פון דער שווייץ
זענען גרין, זענען יונג,
זענען קנאָספּן פון דער ערד
אין הימלישן שפּרונג,
און עס הערט זיך פון זיי
דער אייביקער זונג
פון געטלעכן רייץ
און סדותדיקן ווונק...

די בערג פון דער שווייץ
מיט קוואַליקן פלייץ
אַראָפּ אין גאַלאָפּ,
באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַראָפּ;
און די בוימער — פאַרקערט —
אויף־אַרויף, אויף־אַרויף,
ווייל יעדער דערהויבן
אין הימל זיין קאָפּ.

די בערג פון דער שווייץ
אין ווייסן באַקליידט,
אייביק פאַרשנייט —
אַ כלה אין וואַל,
די „יונגפרוי", „דער מענטש",
מיט ליבע געבענטשט,
טיף זיי באַהעפט
אַ ריזלענדער קוואַל...

די בערג פון דער שווייץ
זענען חלום און רייץ,
זענען צאַפּל און ברען,
אונטער זוניקער שיין;
די לופט זי פאַרשיכורט
אין באַרגיקער הויך,
ווי אין דיר וואָלט געזאָטן
שוימיקער וויין...

די בערג פון דער שווייץ
מיט די טייכן צו פוס,
שטעטלעך פאַרטרוימט
אין שטילקייט און רו,
אין בלומען פאַרהילט,
און גרינסן פאַרזוימט,
צו גערטנער, סעדער
טוליען זיך צו.

די בערג פון דער שווייץ
פון אַלפּן געקייט,
ציִען דעם מענטשן
אַרויף צו דער הויך,
וואַרפן אַן אומרו
אין האַרצן אַריין,
אַן אייביקע בענקשאַפט
צו זון־ליכט און שיין...

דרום פראַנקרייך

גאַרבן ברוינע, גאַרבן רייפע צונויפגעשטעלט אין סטויגן,
סוף־זומערדיקע פעלדער אין גאָלדענע פאַרטאָגן,
צונויפגעזאַמלט בלענדט, פראַנקרייך, דיין עשירות:
דיין תבואה און דיין אויבס איבער פעלדער גלייבע ווירעס.

טעראַסן אויף די בערג מיט שווערע הענגל־טרויבן,
מיט ווייגען וואָס פאַרשיכורן, דערמונטערן, דערהויבן
די געפאַלענע, פאַרצווייפלטע, פאַריאושטע אין מענטשן...
פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע זיך — חלומען און בענטשן!

אין קאַפעס, אין קאַבאַרעטן פון טומלדיקע שטעט,
ווען דער עלנט נאָגט און אין האַרץ איז וויסט...
אין באַקאַל שאַמפּאַן די ווייגגערטנער זעסט,
מיט די גרינע בערג און דעם קוואַל וואָס פליסט...

טאָלן, בערג און טייכן. וואָס נענטער צו דעם דרום
הויבן זיך די בערג; כישופן די שלעסער,
טורמען אין די הימלען גאָטישע פאַרשפּיצטע,
גרויע, אָפּגעלעבטע, יוגנט־אָפּגעבליצטע...

וווינט אין זיי נאָך ווער? פייערט אויף די ליבע?
פון דרויסן אַזוי שווער, פאַראומערטע און טריבע;
צי דעקן זיי ניט צו אַ מאָל דעם פלאַם פון לעבן
פון יוגנטלעכבער ליבע אין אייביקע געוועבן?!...

דער צוג, ער לויפט, ער פליט, שניידט דאָס האַרץ פון בערג.
דער טאָג, ער קומט צום ענדע, אָוונט, טונקל שפּאַנט;
דערפער, שטעטלעך, שטעט — ווי אַ געטלעך ווערק
געמאָלן ליגט פאַר דיר, פון אַ מייסטער־האַנט.

בען

פון ביאַליסטאָק דער יידישער שטאָט,
פון אַ הינטערשטאָטישער גאַס
ביסטו אַרויפגעשטיגן
צו די הויכן פון מאָנפּאַרנאַס.

דאָס ליכט האָט דיך ניט פאַרשיכורט,
ווי אויך ניט געבלענד פון בולוואַרן;
דו האָסט פון פּאַריזער צויבער
זיך ניט געלאָזט פאַרנאַרן.

אין שעהען פון גרויסן נסיון,
ליגנדיק אויפן ראַנד פון תהום,
האָסטו פון אָפּגרונט דערזען
די שיין פון דעם בלענדיקן רוים.

און דו האָסט דעם תהילים פון דוד
קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל געמאָלן
און פאַרוואַנדלט זיי אין יריעות
פון קדושה אויף עץ־חיימס צו ראָלן.

שפּילט איצט די כנור של דוד
אַרויס פון אַלע די פאַרבן;
אַן אוצר אין היכל פון קונסט
פאַרן פאָלק עס אויף אייביק צו אַרבן.

מינאַ אסתר

עלעגיעס

דער טויט פון מיין צווייטער טייל פון מיין לעבן, מינע

פינצטער איז אין שטוב
און פינצטער אויפן האַרצן;
אַלץ איז איינגעהילט
אין טרויער און אין שוואַרצן.

דו ביסט ווי אַ טייבעלע
אויף מיין שויס אויסגעגאַנגען,
צוקאָפּנס אויף מיינע הענט,
לויט דיינע פאַרלאַנגען.

דיינע לעצטע, לעבעדיקע ווערטער
זיינען געווען: — לאָז מיך שטאַרבן!...
און די פאַרנאַכטיקע זון
האָט דיך באַגלייט מיט בלוטיקע פאַרבן...

דו ביסט אויסגעגאַנגען,
ווי דער טאָג, ווי די ליכט פון מיין לעבן;
טיף אין מיין האַרץ וועל איך טראָגן
הייליק, דיין ליבע וואָס האָסט מיר געגעבן.

דאָרטן וועט ברענען אַ נר־תמיד,
פאַר דיין זעלטענער, גוטער נשמה,
וואָס גוטסקייט פון איר האָט געשטראָמט,
איז דאָס איז אין צער, מיין נחמה.

אַזוי לאַנג ווי איך וועל נאָך לעבן,
וועסטו לעבן אין מיר.
די הייליקע ליבע פון אונדז,
פירט צו דער אייביקייטס־טיר,

אין לעבן פון אונדזערע קינדער,
און פון קינדס קינדער אויף ווייטער,
וועט פון אונדזערע הערצער דאָס פייער
פלאַמען, ווי אַן אייביקער שייטער.

4טער מערץ 1980

איבער האַלב יאָרהונדערט

איבער האַלב יאָרהונדערט
פון ליבע און לעבן,
פון צער און פון פריידן,
פון פּיין און פון גליק,
קען ניט ווערן פון טויט צעפּליקט!

מיר זיינען אויף אייביק געוואָרן פאַרבונדן,
און אויף אייביק שוין בלייבן צוזאַמען;
אין יעטוועדן ליד, דיר געווידמעט
וועט אונדזער ליבע אייביק פלאַמען.

איין האַרץ, איין נשמה פוןביידן פאַרפלאָכטן,
געגאַנגען צוזאַמען אין קאַמף פאַרן לעבן;
האָט איינער פון אונדז עפּעס געחלומט,
איז עס געוואָרן פאַר ביידן איין שטרעבן.

געבויט אַ היים, אַ גליקלעכע היים.
קינדער דערצויגן פאַר מענטשן און יידן,
און זיי וועלן ווייטער די גאָלדענע קייט
פון אונדזער שטאַם פאַר אייניקלעך שמידן.

דו ביסט אַוועק אַזוי פּלוצלונג, אַ שטילע,
ווי אַ טויב וואָלט פאַרפלויגן אין זונענפאַרגאַנג,
אין בלוטיקן מערבֿ צו אַן אָוונט־תּפילה,
פון מלאכים געטראָגן צו גאָט מיט געזאַנג...

23.1.1980

דער טאָג איז היינט אַ גרויער

דער טאָג איז היינט אַ גרויער.
די זון איז דאָ ניט געקומען,
ווי זי וואָלט ביי דיין קבר
געשאָטן מיט שטראַליקע בלומען.

און באַפּוצט דיין קבר
מיט הימלישע בוקעטן;
עס זאָל קיין מענטשלעך פוס
ניט וואַגן דאָרט צו טרעטן.

ווייל הייליק איז דאָס אָרט
ווו דיין גוף רוט.
ווייל דיין גאַנצן לעבן
געטאָן האָסטו בלויז גוטס.

העלפן יעדן איינעם
מיט וואָס דו האָסט געקענט,
שטענדיק אויסגעשטרעקט
שו׳עסטערלעכע הענט.

פאַר דעם לייכט דיין נאָמען,
ווי אַ מאָרגנשטערן,
מיט ברכה אויף די ליפּן,
אין אויגנפולע טרערן.

24.1.1980

אין דער שוואַרצער פינצטערער נאַכט

אין דער שוואַרצער פינצטערער נאַכט
לייכטן די קינדער ווי שטערן;
און איך זיץ, פאַר קיינעם געדאַכט,
באָד זיך אין אייגענע טרערן.

24.1.1980

ווען איך וואָלט געקענט

ווען איך וואָלט געקענט,
וואָלט איך די בלומען
פון דער גאַנצער וועלט געריסן
און געבראַכט אויף דיין קבר,
זיי זאָלן דערגרייכן
צו דיר אין דעם אָרון,
אויספּאַרפומירן
דיין יעטוועדן אבר.

איך שרייב און איך גלויב ניט,
אַז דו ביסט נישטאָ.
מיר דוכט, אַז דו זיצסט
און לייענסט ווי שטענדיק
אויפן שטול, צי אויפן בעט,
בלאַט נאָך בלאַט,
און באַלד וועסטו זאָגן: —
דעם בוך שוין פאַרענדיקט.

25.1.1980

אין שוואַרצן פאַרטאָג

אין שוואַרצן פאַרטאָג, איך זיץ און איך שרייב,
מיר דוכט, אַז אַנטקעגן, אין בעט דו שלאָפסט,
פאַרהילט אין חלומות אין מוח וואָס טרייבט.
אָ, גאָט! פאַר וואָס האָסטו מיט טויט מיך געשראָפט?

אַרום איז נאָך פינצטער. שטיל שלאָפט די וועלט.
דאָס האַרץ ווערט צעשפּרונגען, ווייטיקדיק קלאָגט.
וואָס שרייב איך נאָך איצטער, ווען דו מיר פעלסט,
מיין אוצר פון לעבן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט.

עס קרייט שוין אַ האָן, זאָגט אָן אויף טאָג.
פאַר מיר איז דער טאָג שוין אויף אייביק אַוועק
איך וועל אין אים הערן בלויז טרויער-געקלאָג,
און פינצטער וועלן זיין די ליכטיקסטע טעג.

דו ליגסט אונטער אַ בערגל פון שוואַרצער ערד,
וואָס דריקט דיין הייליקן, איידעלן גוף,
פון דיינע ליפּן, ווי איך וואָלט געהערט,
קומט נאָך צו מיר פון ליבע אַ רוף.

מיר האָבן געליבט זיך אַ לעבן צוזאַמען,
מיר וועלן זיך ליבן צוזאַמען ביים טויט;
עס וועלן די קברים ניט קענען פאַרצאַמען,
דאָס וואָס געוועזן אונדז פון הימל פאַרטרויט.

מיינעלע מיינע, אייביק געליבטע!
אונדזערע קערפּערס וועט די צייט צעשטויבן;
נאָר אונדזערע נשמות, ווי אַ נר-תמיד,
וועלן צום כסא-הכבוד ווערן דערהויבן...

25.1.1980

איך וואַש מיין פּנים מיט וואַסער פון קראַן

איך וואַש מיין פּנים מיט וואַסער פון קראַן!
פלייצן די אויגן מיט קוואַלן פון טרערן,
וואַש איך מיט ביידן, צונויפגעמישט דאַן,
מיין פינצטער געמיט, אפשר לייכטער וועט ווערן.

איינער אַליין טאָג ווי נאַכט,
אַ מאָל קומט ווער אַ טרייסט מיר געבן;
און אַלץ אַרום מיר אין איינזאַמקייט וואַכט,
ווי זיי וואָלטן מיט מיר זיך אין טרויער פאַרוועבן.

די ווענט זיינען פינצטער, זיי זיינען פון ציגל.
זיי קענען ניט וויינען, קלאָגן ווי מענטשן,
אָבער איך פיל, זיי זיינען מיט מיר אין איין עיגול,
איך פיל זייער מיטלייד, גאָט זאָל זיי בענטשן.

אין גאָרטן די בלומען אַרום אונדזער הויז,
דאַכט זיך זיי גלאַנצן מיט פּערל פון טרערן,
אויך זיי באַקלאָגן מיין לעבנס געליבטע,
פון יעטוועדער בלעטל קען איך עס הערן.

דאָס ווינטל קומט טרייסטן, טריפן די טרערן,
וואָס רינט פון די אויגן, ווי בלוטיקע קוואַלן.
און איך ווייס, אַז פון אַלץ, וואָס דאָ איז, וועט ווערן,
ווי קיין מאָל געווען, אויף אייביק פאַרפאַלן.

25.1.1980

איך אין האַוואַנאַ און איר אין מיאַמי

איך אין האַוואַנאַ, און איר אין מיאַמי,
פאַרהילטע מיר זיצן אין צער און אין טרויער;
און דער גאָלף, ווי אַ שוואַרצע לענטע,
טרויערט מיט אונדז אויפן טויט פון דער מאַמען.

אין אים, אויך די שטערן, זיי וויינען און קלאָגן,
געטלעכע טרערן פון הימל וואָס פאַלן,
און ווערן פון כוואַליעס אין ימען פאַרטראָגן,
דער גאַנצער וועלט דעם טרויער אָנזאָגן.

ווען טאָג וועט אויפקומען מיט זוניקע שטראַלן
און זי וועט פון דעם אויך זיך דערוויסן,
וועלן אירע שטראַלן ווי טרערן אויך פאַלן,
זיי אין דעם פינצטערן אָפּגרונט פאַרשליסן.

יעדער וועט פרעגן: וואָס איז געשען דאָ?
פאַר וואָס איז די זון היינט פאַרטרויערט?
וועלן די ווינטן אין שרעקלעכן יאָמער
דערציילן אונדזער צער וואָס בויערט.

און די וועלט וועט קומען אונדז טרייסטן,
נאָר ווער וועט קענען די טרייסט פאַרנעמען,
אַז עס שטאַרבט אַ מאַמע איז די וועלט אויך געשטאָרבן,
און מיר וועלן שוין בלייבן אויף אייביק אין קלעמען.

25.1.1980

פאַר מיר איז אויף אייביק פאַרגאַנגען די זון

פאַר מיר איז אויף אייביק פאַרגאַנגען די זון,
דער טאָג און די פרייד און דאָס גליק פון דעם לעבן;
אַז איך בין געבליבן צעריסן אויף העלפט,
איז אויס מיט חלומות, מיט טרוימען און שטרעבן.

בלויז מיינע קינדער, זיי וועלן באַלייכטן
דעם פינצטערן וועג פון די טעג און די יאָרן,
וואָס איך וועל אין טרויער נאָך מוזן דערשלעפּן,
אין צער פון זינט איך האָב דיך פאַרלאָרן.

עס וועלן נאָך קומען פריינד מיר טרייסטן,
מוטיקן, גלויבן אויף ווייטער צו לעבן,
נאָר וואָס קענען שוין העלפן טרייסטפולע ווערטער,
ווען טיף אין מיין האַרצן דיין טויט איז פאַרגעבן.

איך טראָג דיך אין זיך, ווי איך טראָג מיין לעבן;
דיין טויט און מיין לעבן זיינען פאַראייניקט;
און וויפל נאָך יאָרן גאָט וועט מיר געבן,
וועלן מיר ביידע ווי איינס זיין פאַראייביקט.

מינעלע מיינע, צאַרטע נשמה,
געירשנט די גוטסקייט פון דיין הייליקער מאַמען,
וואָס האָט געלעבט און געשטאָרבן ווי אַ צדקת,
איצט זענט איר הייליקע ביידע צוזאַמען.

די ערד האָט דאָס אירס פאַרנומען
און דער הימל — דיין געטלעכע נשמה,
דאָס איז איצטער אין מיינע פינצטערע שעהען,
די איינציקע טרייסט אין דעם צער, און נחמה.

25.1.1980

דעם גאַנצן פֿאַרנאַכט האָט גערעגנט

דעם גאַנצן פֿאַרנאַכט האָט גערעגנט.
דער הימל טרויערט אויך נאָך דער מאַמען,
געבראַכט האָט די טרערן פֿון די קינדער,
מיר זאָלן דאָ וויינען צוזאַמען.

אַ וואָך איז איצטער געוואָרן,
ווי זי איז ווי אַ טויב אויסגעגאַנגען;
און פֿון מיין האַרץ זענען אויף אייביק
אַוועק פֿון פֿרייד די געזאַנגען.

און איך וועל פֿון היינט אויף ווייטער,
דעם טרויער אין האַרצן טראָגן,
ווי אַ שוואַרצן שטיין, אַ מצבֿה,
און אייביק נאָך איר קלאָגן.

ביי מיר אויפֿן שויס אויסגעגאַנגען,
אונטערגעשפּאַרט אויף די הענט
אין אויטאָ, וואָס איז געפֿלויגן,
אין שוים פֿון דיין מויל כ'האָב דערקענט...

כ'האָב אָפּגעווישט מיט די פֿינגער
דיין שניי־ווייסע גסיסה,
ווי עס וואָלט דיר אַ מלאך פֿון הימל
אויסגעקושט דיין נשמה, דיין מיתה.

27.1.1980

נאַכט צי טאָג

נאַכט צי טאָג. איך ווייס קיין אונטערשייד,
אַז ביידע זיינען פינצטער און פאַרטרויערט.
דאָרט ווו עס קומט אַריין דער טויט
ער ליגט שוין ווי אַ שטיין אין האַרץ און דויערט.

דיר דוכט זיך אויס, וועסט אַ מאָל פאַרגעסן,
די צייט פאַרהיילן וועט די טיפסטע וווּנדן,
דאָס איז אַ ליגן! מען מעג אָן דעם פאַרגעסן,
אייביק בלייבן זיי אין דיר פאַרבונדן...

אַליין, ניט פילנדיק דו טוסט אַ ציטער,
ווייסט ניט פון וואַנען, פלוצלונג איז געקומען,
אין דער זיסטער שעה ווערט דיר אַזוי ביטער,
און די גאַנצע פרייד ווערט פאַרשוווּמען.

די וווּנד פון האַרץ וואָס ברענגט דער טויט,
גייט מיט מיט דיר דאָס גאַנצע לעבן;
וויפל זאָלסט ניט האָבן שפּעטער פרייד;
דערפילן וועסטו פון טרויער די געוועבן.

שוואַרצער טאָג און שוואַרצע נאַכט,
שוואַרץ דאָס לעבן, שוואַרץ דאָס גליק;
אָט דער קורצער לעבנס שיין
ווערט פון טויט דערשטיקט.

28.1.1980

איך איינער אַליין בין געווען אויף דער וואַך

איך איינער אַליין בין געווען אויף דער וואַך
ווען דו ביסט געלעגן אין אָרון פאַרמאַכט ;
בלויז פרויען צווי, האָבן אין צער מיך באַגלייט
די ערשטע, און פינצטערסטע, טויטפולע נאַכט.

דיין פנים האָט אויסגעזען — רויִק אין שלאָף,
ווי אין דיר וואָלט אַ חלום אין מוח געוועבט
פון קינדער און אייניקלעך, וואָס נעמט ניט קיין סוף
פון יאָרן צעשיידונג, צו זען זיי געשטרעבט.

איך בין געגאַנגען איינער אַליין
פון אָרון צום טיר, און פון טיר צו איר ;
די פרויען צוויי ; מידע האָבן געדרעמלט.
קיינער איז געקומען צו וואַכן מיט מיר.

אַ האַלב יאָרהונדערט געלעבט מיטן ישוב.
ווען דער טויט איז געקומען — געווען כ׳בין אַליין...
די פריינד און באַקאַנטע אַלע צעלאָפן...
ניט געווען ווער זאָל טיילן מיט מיר מיין געוויין.

ביז טאָג איז געוואָרן, ניט פאַר מיר דעם אלמן,
זיינען געקומען באַגלייטן צו איר אייביקער רו.
צוויי קדישים אויסגעקלאָגט אויפן בית־עלמין.
מיר דוכט, אַז דאָרט בין איך געבליבן, ווי דו...

28.1.1980

איך שרייב ניט מיין ליד מיט קיין טינט

איך שרייב ניט מיין ליד מיט קיין טינט,
מיט בלוט פון מיין האַרצן און טרערן;
עס דוכט מיר די גאַנצע וועלט
קען מיין קלאָגן דערהערן.

און זי קען מיר קיין טרייסט ניט ברענגען,
ווייל אַלץ איז פאַר מיר שוין פאַרענדיקט.
די זון, וואָס פאַר מיר האָט געלויכטן
איז אויסגעלאָשן געוואָרן אויף שטענדיק...

און אויב אַ שטראַל וועט דערגרייכן,
ברענגען אַ טרייסט פון די שטערן,
וועט ער ווערן פאַרטרונקען
אין דעם ים פון די טרערן.

די נאַכט, די אייביקע שוואַרצע,
מיט פינצטערע וואָלקנס פאַרצויגן,
וועט שוין פון היינט אויף ווייטער,
שטענדיק זיין פאַר מיינע אויגן.

ווען איך וועל דעם בראַך פון מיין האַרצן,
פאַר מענטשן פאַרשטיקן, פאַרשטעלן,
ווי אַ דערטרוקענעם אין אָפּגרונט
פאַרשטעלן די שוימיקע וועלן.

28.1.1980

קובא, מיין ליכטיקע קובא

קובא, מיין ליכטיקע קובא,
קובא, מיין טייערע היים;
איך בלייב שוין דאָ איבער אויף אייביק
צוזאַמען מיט איר דאָ, געהיים...

דאָרט ביי דעם בערגל, דעם קבר,
וואָס אָטעמט נאָך איצטער מיט לעבן,
וועל איך ווי אַ גייסט אַרומוואַנדלען,
ווי אַ מלאך איבער אים שוועבן.

ווו כ'זאָל ניט וואַנדלען און וואָגלען,
פאַרוואָרפן פון גורל ווי ווייט,
וועל איך אויף דיין קבר וואַכן
אין דער אייביקער אייביקייט־צייט.

פאַראייניקטע בײדע ביים לעבן,
מער־ער ווי האַלבן יאָרהונדערט,
וועט אונדזער פייער פון ליבע
קיין מאָל ניט ווערן געמינדערט.

שטאַרקער, נאָך שטאַרקער די פלאַמען
וועלן אונדז ביידן פאַרבינדן,
און אין די פינצטערסטע נעכט
וועלן זיך שטערנדלעך צינדן.

28.1.1980

ס׳איז נאַכט, פינצטער

ס׳איז נאַכט. פינצטער.
כ׳זיץ און איך שרייב,
ווי ביידע וואָלטן געווען
איין גוף און איין לייב.

נישט מער, וואָס איך קלאָג
אין דער הויך. וואָס מען הערט.
און זי — אין דער שטיל
פאַרוויינט און פאַרטרערט.

מיר פילן ביידע
דעם ווייטעק און פיין;
פאַר איר ווי פאַר מיר
קיין טאָג וועט ניט זיין.

פאַר איר איז קיין זון
ניטאָ אויף דער וועלט;
און פאַר מיר וועט די זון
זיין אויף אייביק פאַרשטעלט.

און אויב זי וועט שיינען —
וועט אַ שוואַרצער וואַל
הענגען אויף איר
פאַר מיר איבעראַל...

28.1.1980

זאָל זיין אַז ס׳איז אמת?

זאָל זיין, אַז ס׳איז אמת, אַז דו ביסט געשטאָרבן,
דו, מיט אַזויפיל לעבן און לוסט ?
כאָטש אויף דיין פּנים איז געלעגן אַ טרויער,
האָסטו דיין טויט שוין געפילט, שוין געוווּסט ?

מיר, האָסטו מורא געהאַט עס צו זאָגן,
ניט געוואָלט מיר פאַרשאַפן קיין ליידן, קיין צער,
ווייל גרויס איז די ליבע געווען ביי אונדזביידן,
האָסטו דעם סוד פאַרבאָרגן דערפאַר ?

און איך, ווי אַ נאַר, בין אַרום דיר געגאַנגען,
געהאַפט נאָך צו גיין מיט דיר לאַנג אויף דעם וועג,
געזאָגט דיר : — מיר האָבן נאָך יאָרן צו לעבן !
אויף דעם מיר געענטפערט : — און אַ מאָל טעג...

דו האָסט ווי אַ נביא פאַרויסגעזען ריכטיק,
מער ווי טעג איז פאַר דיר ניט פאַרבליבן;
און מיט אַ בוך, ביז טויט געלייענט —
אין אים איז אַ דיכטערשער טויט באַשריבן...

און איך האָב ביים פענצטער, פון קאָפּקען געלייענט,
דערהערט דיין כאָרכלען, דיין גסיסהדיקן ציטער...
ווער האָט זיך געריכט, אַז צווישןביידע טויטן
זאָל קומען צו אונדז, דיין טויט, דער דריטער !

28.1.1980

ווען איך בין געקומען אין קובאַ

ווען איך בין געקומען אין קובאַ
האָבן זיך געעפנט קוואַלן פון פרייד;
און איצט, מיט דיין אַוועקגאַנג
פאַרפלייצן מיך שטראָמען פון טויט.

כ׳ווייס ניט ווען טאָג איז, ווען נאַכט.
די זון איז אין טרויער פאַרהילט
די פויגל — זיי זיינען פאַרשטומט,
ווי זיי וואָלטן מיין בראָך דערפילט.

די וועלט, איך דערקען זי ניט מער.
ביז נעכטן געווען איז זי מיין —
און היינט — יעדער טראָפּן טוי, איז אַ טרער
אויף מיין צער, אויף מיין לייד, אויף מיין פּיין.

די שטערן — זיי זיינען אַנטלאָפן,
פאַרפינצטערט נאָך מערער די נאַכט;
פון אַלע די טרוימען און האָפן
האָט דער טויט זיך אויסגעלאַכט.

זיץ איך איצט אַן אָבל
איינזאַם, אַליין אין שטוב,
ווי זי — מיין פרוי די געטרייע
אין דער פינצטערער גרוב.

30.1.1980

זאָל די נאַכט ניט פאַרגיין!

זאָל די נאַכט ניט פאַרגיין!
ווער דאַרף דעם טאָג?
איך ליג ווי אַ שטיין
אין געוויין און געקלאָג,
איינער אַליין
מיט מיין גאַנצן פאַרמאָג,
וואָס קיין סענט איז ניט ווערט,
נאָך אַזויפיל געיאָג...

פאַרבלייבן וועט אַלץ
פאַר וועמען, ווער ווייס?
מיט אַזויפיל בלוט,
האָרעוואַניע און שווייס,
יעדער סענט געשפּאָרט
אויף מאָרגן זאָל זיין,
און אַז דער מאָרגן קומט אָן —
איז צער בלויז און פּיין...

ווי נאַראָנים מ׳לעבט
ווי נאַראָנים מען שטאַרבט.
מ׳ווייס דאָך געוויס,
אַז קומען מוז אַ טאָג,
ווען אַוועקגיין מען מוז,
צי מ׳וויל צי ניט,
דאָך גייט מען אום בלינד
אויף שריט און טריט.

מיר גייען פֿאַרנאַרט
אַ לעבן אַ גאַנצס
אין אַ שפּרונג, אין אַ זונג,
אין אַ שווים, אין אַ טאַנץ;
און אפשר איז גוט,
אַזוי דאַרף עס זיין,
אַניט, וואָלט געווען עס
אַן אומענדלעכער פּיין...

10.2.1980

כ׳זע ניט קיין שטערן אין הימל

כ׳זע ניט קיין שטערן אין הימל.
און בייטאָג, קיין שטראַל פון דער זון.
אַלץ אַרום איז גרוי און שימל,
זאָל קיינער ניט געפרווווט ווערן דערפון.

דאַכט זיך, אַלץ געלויכטן און געבלענדט,
פול געוועזן די וועלט מיט פרייד און מיט געזאַנג,
און פלוצלונג האָט דער טויט מיר געפּענט
פיס און הענט, געפילן און געדאַנק.

ניט נאָר כ׳דערקאָן ניט דעם אַרום,
אויך די מענטשן זיינען אַלע מיר פרעמד;
אַז איינער רעדט, דאַכט מיר, ער איז שטום
און איך פאַרשטיי ניט צו מיר זיין ווענד.

עס קוקט מיך, יעדער ווי אַ גולם אָן,
מ׳ווייזט מיר אמתע פריינדשאַפט אַרויס;
איך ענטפערן אויף פריינדשאַפט ניט קאָן,
ווייל אין מיר איז די פינצטערניש גרויס.

וואָס פאַרשטעלט די גאַנצע וועלט אַרום,
און פאַרפינצטערט און פאַרחושכט אַלץ,
דריי איך זיך ווי אַ טויבער שטום,
כ׳זע פאַר זיך בלויז אַ טויטן-טאַנץ...

און איך ווער אַריינגעשלעפּט אין אים,
כאָטש איך קען ניט אויפהייבן אַ פוס,
אויף מיין פנים ליגט אַ טייוול-גרים,
אויף מיין ליפּ — אַ טויטן-קוש.

בעט איך מחילה פֿאַר אַלץ,
און פֿאַר אַלעמען, וואָס קענען ניט פֿאַרשטיין,
ווי אַזוי אַ מענטש, דוכט זיך, אַז ער לעבט,
און איר זעט אַ טויטן אַרומגיין...

ווייל מיין לעבן איז סיי ווי ניט ווערט
צו לעבן בלייבן, אָן מינען, אָן איר,
און אפשר, גאָט אין הימל ווייס
ווי לאַנג נאָך, זי האָט צו וואַרטן אויף מיר.

10.2.1980

די זון זי פֿאַרגייט רויט

די זון זי פֿאַרגייט רויט.
אויסגעלאָשן און טויט.
אַזוי דאָס לעבן פֿאַרגייט,
אָט איז עס געווען און אויס.

קיין צייכן פֿאַרבליבן פֿון טאָג,
ווי ער וואָלט קיין מאָל געווען ;
דאָס איז דער טרויער, די קלאָג,
דער סוף פֿון אַלץ אין גענען.

אָפּגעשפּילט זיך אַזוי,
פֿאַרגעסן אַווּ מ׳איז ;
פֿלוצלונג, אַזוי ווי אַ שטרוי
פֿאַרלענדט פֿון אַ פֿלאַמישן ביס...

מיר זיינען דאָ אַלע געסט,
מ׳לאָזט זיך פֿאַרווײלן אין פֿרייד ;
און איידער וואָס און ווען
ליגסטו געאָרעמט אין טויט.

שטיינער און שוואַרצע ערד
דעקן אויף אייביק דיך צו,
און אפֿשר, ווער ווייס,
דאָרטן געפֿינסטו די רו.

13.2.1980

ביי מיר אויף די הענט

ביי מיר אויף די הענט, אויף מיין שויס,
אין אויטאָ, וואָס איז ווי אַ וויכער געפלויגן,
איז איר נשמה אַרויס,
ווי עס וואָלט איר צום הימל געצויגן.

ריין, אָן זינד, ווי ביים געבורט,
נאָך ריינער איז זי פון וועלט אַוועק;
מיט גוטסקייט געווען אַנגעגורט
אין די פינצטערסטע און ליכטיקסטע טעג.

העלפן — געווען שטענדיק גרייט,
ווער ס׳האָט צו איר זיך געווענדט
אין צרות, דחקות און נויט,
האָט זי אויפגענומען מיט אָפענע הענט.

ווער ס׳האָט זי ריכטיק געקענט
האָט זי ליבן געמוזט;
איר קראָם איז ווי אַ „קאָסאַ סאַקראַ"
אַ „קאָסאַ דע עמירכענסיאַ" באַוווּסט.

ניט איינעם פאַרטריבן דעם הונגער,
פון אַ גאַנצן טאָג ניט עסן;
כאָטש שפעטער, דעם געבאָרגטן דאָלער
אָפּצובערענגען האָט ער פאַרגעסן...

ביי מיר אויף די הענט ווי אַ קינד
איינגעשלעפערט געוואָרן, פאַרשטילט;
און עס האָבן מלאכים איר גוף
אין אַ געטלעכן שלייער פאַרהילט.

15.2.1980

לאָז מיך שטאַרבן

— לאָז מיך שטאַרבן — זיינען געווען
די לעצטע ווערטער פון לעבן;
ווי זי וואָלט מיט פרייד צום טויט געגאַנגען
גאָט די נשמה אָפּגעבן.

מיט אַ וואָך פריִער רייד איך צו איר:
מיר שטייען דאָך שוין איצט אויפן וועג...
און יאָרן נאָך גליקלעכע וואַרטן אויף אונדז,
— און אַמאָל בלויז — זאָגט זי — טעג...

זי האָט שוין דעם טויט געפילט פון לאַנג.
געוואַרט אויף אים, ווי אויף אַ דערלייזער,
אפשר, ווייל זי איז געווען קראַנק,
אויף צוקער־קרענק, דער בייזער?

און דער הויכער בלוטדרוק דערצו,
געליטן דעם גאַנצן לעבן;
האָט זי געחלומט, געטרוימט פון רו,
וואָס דער טויט וועט איר געבן.

שטיל, ווי אַ טויב אין ווייסן שוועב
פון מיינע הענט אַרויסגעפלויגן;
און איך, וועל דעם גאַנצן לעבן פון איצט,
גיין מיט פאַרוויינטע אויגן.

15.2.1980

מיר שטייען אַלע אויפֿן וועג

מיר שטייען אַלע אויפֿן וועג,
ווער פֿריִער, און ווער שפּעטער;
עס העלפֿט צו דעם קיין פֿאַרמעג;
נישטאָ צו דעם קיין רעטער.

מיטן געבורט פֿון לעבן
ווערט געבוירן דער טויט,
ווייל ביידע זיינען געגעבן
צוזאַמען, אָנגעגרייט.

מעגסט זיין דער גרעסטער חכם;
און פֿאַרקערט — דער גרעסטער נאַר;
ביידע גלייך קריגט איר
צום סוף דעם זעלבן שכר...

איז וואָס דאַרף זיין, מוז קומען,
עס העלפֿט ניט קיין געבעט;
עס איז ניט קיין לאָטעריי
און אויך ניט קיין געוועט.

דאַרף מען רויִק נעמען,
דאָס וואָס קומען מוז.
און דאָס געבעט פֿון משהן
איז געוועזן בלויז — אַ קוש...

און גאָט האָט אָנגענומען
זיין תּפֿילה, זיין געבעט,
און ער האָט אים צוגענומען
מיט אַ קוש און מיט אַ גלעט...

15.2.1980

די לעצטע וואַרעמקייט

די לעצטע וואַרעמקייט פון דיין קערפּער
איז ביי מיר אין די הענט פאַרבליבן;
מען פילט עס אין די עלעגיעס
וואָס איך האָב פון דיר געשריבן.

ווי אַ נר־תמיד טיף אין האַרצן
וועסטו אייביק לייכטן, ברענען;
ווי אין קדשי־קדשים פון בית־המקדש
וווּ דער כהן־גדול פלעגט געגענען.

ביסט געשטאָרבן איצט פאַר אַלע,
אָבער קיין מאָל ניט פאַר מיר!
מיר זיינען ביידע דאָך פאַראייניקט
איך ביי דיר ווי דו ביי מיר.

און דאָס קען קיין טויט צעשיידן,
כל זמן איינער בלייבט נאָך לעבן
טראָגט דער צווייטער פאַר ביידן
איין און איינציק פלאַם פון לעבן...

ביז די לעצטע טעג ביי מיר
וועסט אַ לעבעדיקע בלייבן,
און ביי יעדן קער און ריר
וועלן ביידע מיר פאַרשרייבן

דעם צוזאַמען זיין אין דער וועלט
אין איין פלאַמענדיקן פייער,
פון דער טיף, וואָס האָט געקוועלט
פון אַ ליבע אַ געטרייער.

ווי ביי משהן האָט דער סנה
געהאַלטן אין איין ברענען,
מ׳קען דאָס געטלעכע פייער
פון זיין אייביקייט דערקענען.

אונדזער ליבע איז פאַרבליבן
פול מיט קדושה, פול יראה...
דעם טויט אַזוי ווי דאָס לעבן
שפיל איך אויס אויף מיין לירע.

12.2.1980

שוין לאַנג ניט געשריבן

שוין לאַנג ניט געשריבן.
געלעגן פאַרטריקנט,
ווי אין מדבר די זאַמדן
פון יאָרן אָן רעגן;
דאָס האָט דיין טויט אויפגעריסן
קוואַלן פאַרשטיקטע
פון פאַרבאָרגענע גרונטן
אונטער ערדישע וועגן.

זיי רייסן און שטראָמען
בייטאָג און ביינאַכט,
ווו איך גיי און איך שטיי,
ניט געקלערט ניט געטראַכט,
ווי אַ ניאַגאַראַ־פאַל
פון דער הויך פון די בערג
מיט אַ ריזיקער קראַפט
שוימענדיק קראַכט.

פערז נאָך פערז,
ווערט געטריבן געיאָגט,
איך ווייס ניט פון וואַנען
זיי קומען, זיי גייען;
צי איז ניט אַ מאָל,
דאָס אַלץ וואָס איך שרייב
ווי איך וואָלט אין מדבר,
אין אַ מדבר פאַרזייען?

קאָוולן פון האַרצן
ברויזיקע שטראָמען,
לאָזן ניט רוען
שלעפן און פירן.
איינס וואָס איך ווייס
אויף זיכער, געוויס,
זיי וועלן מיך קיין מאָל,
קיין מאָל פאַרפירן.

לאָז איך זיך שלעפן
פון זיי אין דעם גאַנג,
מיט געוויין, מיט געקלאַנג,
מיט אַ טרויער־געזאַנג,
פאַר אַ לעבן וואָס איז
אויף אייביק אַוועק,
און וואַרט אויך אויף מיר,
ווער ווייס אויף ווי לאַנג ?

16.2.1980

וואָס טויג מיר די פרייד פון קומען

וואָס טויג מיר די פרייד פון קומען,
אַז איך בין געקומען אַליין ?
אויף אייער מאַמען און באָבען
דריקט אַ באַרג פון ערד און שטיין.

פאַרשטערט איז געוואָרן די שמחה,
וואָס איך האָב געחלומט צו זען,
ווי איר, קינדערלעך לעבט זיך צופרידן
און גליקלעך ווי קיין מאָל ניט ווען.

היינט איז געקומען דער טאַטע
ווי אַן אַלמן, אָט נאָר וואָס געוואָרן,
און איך האָב מיין איינציקע, ליבסטע,
אויף אייביק, אויף אייביק פאַרלאָרן.

כ'וואָלט וועלן אייך טרייסטן,
אין דעם צער און פאַרלוסט פון אַ מאַמען...
נאָר איך האָב ניט קיין ווערטער פאַר דעם,
מוזן מיר קלאָגן צוזאַמען...

קינדערלעך טייערע מיינע,
דאָס איינציקע, וואָס איז מיר פאַרבליבן :
פאַרהייליקט זאָל ווערן איר נאָמען
אין אייערע הערצער פאַרשריבן.

און ווען איר וועט זי דערמאָנען,
וועט זי מיט אייך ווידער לעבן,
איר גוטע האַרץ און נשמה
וועט איבער אייך אייביק שוועבן.

די מאַראַנצן־בוימער בליִען

די מאַראַנצן־בוימער בליִען.
דעם גאַנצן הויף פאַרשמעקט.
נאָר מײַן היים איז מיט אַ שוואַרצער
טרויער־טוך באַדעקט.

אויף דער ערד, איז ווייס ווי שניי
פון די בליטן וואָס געפאַלן,
און איבער מיר — איז פינצטער־חושך
פון פֿײַנלעכע כּף־הקלען...

אַלץ וואָס לײַכט, בלענדט און שײַנט
קוקט מיר אויס פאַרקערט,
און די זון איז אויכעט הײַנט
מיט טרויער־צער פאַרמערט.

יעדער שטראַל איז אַ טרער
וואָס פאַלט אַראָפּ פון איר,
ער פאַראייניקט אונדז נאָך מער
מיט איר, מיט מיר, מיט דיר...

וויינען אַלע מיר אויף דעם,
וואָס דו ביסט פון אונדז אַוועק,
און צו אונדזער פריידן־גליק
האָט גענומען אַן עק.

און ס'וועט שוין קיין מאָל מער ניט זײַן
דאָס וואָס איז געווען,
אויסגעלאָשן איז די שײַן
אין ריינסטן, הייליקסטן ברען...

פינצטער פאַר די אויגן איז
דער טאָג, די זון, די נאַכט
מיט אַלע אירע שטערן פיל
אין צויבער און אין פראַכט,

ווייל דו ביסט, ווי דער ווייסער שניי,
ווי די ווייסע מאַרנאַצן־בליטן,
אַוועק זיך שטיל אַזוי;
דעם גסיסה־פּיין אויסגעמיטן.

ווי עס וואָלטן באמת דיר
מלאכים אויסגעקושט, געטראָגן,
אָן אַן ערדיש קערפּער־ריר,
וואָס מלאכים בלויז פאַרמאָגן...

22.2.1980

אינהאלט

קובאַ 9

חורבן ישוב קובאַ 11
שאָטנס פּאַרצווייפלטע 17
ס'האָט אַ לייכט געטאָן 19
גיב מיר נאָר אַ האַרץ מיט בטחון 21
אויב איינער האַסט אַ שקלאַפנטרייבער 22
שטילע בלעטעלעך וויאָלעטע 24
כ'וועל אין דער פינצטער ניט זיצן 26
מיין היים ווו איך בין געבאָרן 28
כ'ווייס ניט פון וואַנען 30
איך זוך נאָר אַלץ 32
קאַרוסעלע 34
אויף צפון 35
דער ישוב רינט אויס 36
טרייסלט אָפּ פון מיר דעם צער און עלנט 37
אַ בריוו 38
שוואַרץ איז די נאַכט 39

ישראל 41

אַ בוקעט בלומען 43
עמעצער פירט מיין האַנט 44
פרילינג-ווינטן 45
דער נאַכט-גאַלאָן 46
פון אַלע די וועגן 47
סנאָפּעס פון שטראַלן 48
אַ פלעק פון אַ טרער 49
ביים ראַנד פון האָריזאָנט 51
דו ווילסט פון זיך אַליין 53
דער פויגל האָט זיין ליד 54

55 אין גאָטס טריט
56 נשיא זלמן שזר
58 בריוו פון נשיא
59 דוד בן־גוריון
61 בריוו פון בן־גוריון
62 חנוכה־ליכט און פאַקל
64 נאָך אַ צווייטוועלטיקער פינצטערער נאַכט
65 אַ פערטל יאָרהונדערט מדינת ישראל
66 ישראל
68 אין דרויסן איז ווינטער
70 אין אַ פייערדיקער קויל
72 מיר זיינען מחדש שוין טויזנטער יאָרן
74 זאָג, ווו גייסטו מלכה שבת
75 בראשית
77 בלויער טאָג זון־צעבלענדעטער
78 דאַכט זיך דאָס זעלביקע ליכטל
79 מיר זיינען די דיכטער וואָס זינגען פון פרייהייט
80 די מאַנגאָ־ביימער בלִיען מיט גאָלדענע קרוינען
81 מיין אָוונט־תפילה
82 עס העלפט ניט דער לאָמפּ
83 כ׳האָב ליב די איינזאַמע סטעזשקע
84 כ׳וואָלט וועלן זיין ווי דער קוואַל
85 די שבת־ליכט וואָס די מאַמע האָט געבענטשט
86 כנור של דוד
87 די זון וועט פאַרגיין
88 גאָטס אַ פערז
90 ווער עס שרייבט פון מיר אַרויס
92 בלימלעך פּיאַלעטע בליקן
94 אַ קאַלטער ווינט פון צפון
96 שטאָבין
99 דאָרט ווו אונדזער שטוב איז געשטאַנען
101 אפשר קענט איר מיר זאָגן
103 נעם מיך מיט אין דיין אָוונטיקער טראַכט
105 טראָפּישער פאַרנאַכט — צעשמאָלצן גאָלד
107 עסקימאָ־פּיי
108 דער פּאַסטעך
109 דו ביסט אין ערגעץ דאָ

110 פרילינג-ווינטן
111 אונדזער טאָג איז יונג און שיין
112 נעפּטונאַ
114 שיינקייט — איז אמת פון קערפּער
116 ביים ים אין די אָרעמס
118 אַ שפּיל אַזאַ
119 דאָס ליד פון ים
121 אַ גאָלדענער שטעג
123 דער ליכטיקער נביא
124 שלום עליכם
126 חיים דער מתמיד
128 די שכינה שטייט ווידער ביים כותל
130 כ׳גיי מיט ליכט
132 הללויה
134 אויב ס׳איז דאָ אַ זין
136 פון איר פּנים בלומט אַראָפּ אַ שמייכל
137 פון שטאָבין ביז האַוואַנאַ
138 כ׳גיי אָרום, אַ בלום צווישן בלומען
139 שפּילט מיר אויף אַ ניגונדל
140 אַ לויכטנדיקער פונק
141 עפן פּאַר מיר אויף די טויערן פון שירה
142 תנ״ך
144 גראַדואירונגס-ליד
146 כ׳טראָג מיין יוגנט ווי אַ קרוין
147 פּאַרצי אַ ניגון
148 באַגרינט מיט שטראַלן
149 עפן אויף פּאַר מיר די טיר
151 לידער זענען שטערן-בלענד
152 שיר השירים לישראל

155 שווייץ און פראַנקרייך

157 זשענעווע
159 אַ שפּאַציר צו אינטערלאַקען
161 די בערג פון דער שווייץ
163 דרום פראַנקרייך
164 בען

עלעגיעס 167

דער טויט פון מיין צווייטער טייל 169
איבער האַלב יאָרהונדערט 171
דער טאָג איז היינט אַ גרויער 172
אין דער שוואַרצער פינצטערער נאַכט 173
ווען איך וואָלט געקענט 174
אין שוואַרצן פאַרטאָג 175
איך וואַש מיין פּנים מיט וואַסער פון קראַן 176
איך אין האַוואַנאַ און איר אין מיאַמי 177
פאַר מיר איז אויף אייביק פאַרגאַנגען די זון 178
דעם גאַנצן פאַרנאַכט האָט גערעגנט 179
נאַכט צו טאָג 180
איך איינער אַליין בין געווען אויף דער וואַך 181
איך שרייב ניט מיין ליד מיט קיין טינט 182
קובאַ, מיין ליכטיקסטע קובאַ 183
ס'איז נאַכט, פינצטער 184
זאָל זיין אַז ס'איז אמת ? 185
ווען איך בין געקומען אין קובאַ 186
זאָל די נאַכט פאַרגיין ! 187
כ'זע ניט קיין שטערן אין הימל 189
די זון זי פאַרגייט רויט 191
ביי מיר אויף די הענט 192
לאָז מיך שטאַרבן 193
מיר שטייען אַלע אויפן וועג 194
די לעצטע וואַרעמקייט 195
שוין לאַנג ניט געשריבן 197
וואָס טויג מיר די פרייד פון קומען 199
די מאַרנצן־ביימער בליטן 200